№ 41 פרייז 2 קאפ. Lodzer Tageblatt.

לאָדזער טאַגעבלאַט

אבאנעמענטס-פרייז: אין ראסלאנד: א יאהר 8 רובל, א האלב יאהר 4 רובל. א פערטעל יאהר 2 רובל. א חודש 70 קאפ. אין אויסלאנד: א חודש 1 רובל 25 קאפ. ענדערן דעם אדרעס קאסט 15 ק. אדרעסן פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע: Лодзь, Петроковская 16. אדרעס פאר דעפעשען: Лодзь. Тагеблатъ

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
פעטריקויער 16, טעלעפאן 867.
פיליע אין ווארשוי:
ה. רייזנער, מווארדא 23, טעל. 17-63.

אנאנסען-פרייז: א שורה פעטיט אין טעקסט 1.20 קאפ. אויף דריטע זייט 60 ק. לעצטע זייט 80 קאפ., גראטולאציאנען פערלאבונגס און האכצייטס-אנזאגען 1-טע זייט 1.50—לעצטע זייט 1 רובל. ניט קענענטיגע מאנוסקריפטן ווערען ניט צוריקגעשיקט. פאר'ן אינהאלט פון אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטווארטליך.

17 פעברואר (2 מערץ) 1914. מאנטאג ד' אדר תרע"ד זיבענטער יאהרגאנג

אין דער לעצטען צייט האבען פערשיעדענע פאבריקאנטען אונזערע קוואליטעטען ווארע דורך עהנליכע שטעמפעל און פאקונג נאכגעאהמט, וואדורך די קאנסומענטען פיעל דאביי צו שאדען קאמען.
דאהער ערזוכען וויר העפליכסט אונזערע געעהרטע אבנעהמער ביי פערלאנג דער וואַרען אונזערע פאבריקאט גאנץ גענוי אויף די עטיקעטע, פירמען-שטעמפעל און שוץ-מארקע צו אכטען.
אקציען-געזעלשאפט דער ווידזעווער בוימוואל-מאנופאקטור
פארמאלס היינצעל עט קוניצער, לאדז.
4960 20

גרויסעם טעאטער קאנסטאנטינער 16.
דאנערשטאג דעם 5-טען מערץ ד. י. האלב 9 א זייגער אין אווענד ווערט פארקומען א
איינציגעם גרויסעם קאנצערט
פון בעריהמטען פידעל-ווירטואז
יאשא חפיץ
אקאמפאניערען ווירד פראפ. אורשטיין,
איינצעלהייטען אין די אפישען.
בילעטען צו בעקומען אין געשעפט פון מוזיקאלישע אינסטרומענטען און נאטען „פרידבערג עט קאמפ'" פעטריקויער 90, טעל. 17-68. 5201

טעאטער „סקאלא"
דירעקציאן
י. אדלער, ה. סטראצקי
היינט דינסטאג (3) 18 ל.
דער בענעפיס און עהרען-אווענד פון געשעפטס-פיהרער נעוו. שוישפילער
ס. ל. קופרינאוו-קופערמאן
קרייצער סאנאטע
צום שלום א גראנדיעזער דיווערטיסמענט אין וועלכען ס'בעטייליגען זיך דעם גאנצע פערסאנאל.
ראלען: צפי—עמיליע אדלער, צילינ—פאטראני-קופערמאן, גאטאשא—חיינקור, חוה—בליכמאן, ראפאיל פרידלענדער—יוליוס אדלער, גרעטער—קופרינאוו-קופערמאן, אפראים—בליימאן, סאמועל—זאננער-אלבערט—די 6-יעהריגע קעניג און אנדערע.

וועגען גאַרעמיקינ'ס דעקלאַראַציע אין דומע.

גרויסע אוואציעס לכבוד דעם פראפעסאר גרים.

וועגען גאַרעמיקינ'ס דעקלאַראַציע.

פעטערבורג (ספ.) ווי מ'גיט איבער, פיהרט דער פרעמיער-מיניסטער גאָרעמיקין א קאָרעספאָנדענץ מיט קריוואָשעין'ען וועגען דער פראגע בנוגע דעם רעגיערונגס-פראָגראם. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט גיט מען אויך איבער, אז גאָרעמיקין וועט זיין דעקלאראציע ערשט פארלייענען אין אנפאנג פון דער דריטער סעסיע פון דער דומע.

פון קרימינאַליסטען-צוזאַמענפאהר.

פעטערבורג (ספ.) אויפ'ן קרימינאליסטען-צוזאמענפאהר האט מען פראפעסאר גרים געמאכט גרויסע אוואציעס. דעם פראפעסאר גרים האט מען אויסגעוועהלט אין פרעזידיום. היינט האט מען פארגעלייענט א דאקלאד וועגען כוליגאנסטווע און דעם קאמפף נעגען איהם.

דער באטשאפטער גירס.

פעטערבורג (ספ.) דער רוסישער באטשאפטער גירס פאהרט די קומענדיגע וואך ארויס קיין קאנסטאנטינאפעל.

א שיינע נדבה.

מאסקווע (ספ.) ווי מ'מעלדעט פון ראסלאוול האט דער דארטיגער פילאנטראפ טובין מנדב געווען 2 מיליאן רובל אויף אנ'ערציהונגס-הויז.

מאַרקאוו האט זיך אבגעזאגט.

פעטערבורג (ספ.) מארקאוו דער צווייטער האט זיך אבגעזאגט אנצונעהמען דעם ארויסרוף פון וויעליטשקין וועגען דועל, דאביי האט מארקאוו ערקלערט, אז פערזענליך וויעליטשקאוו'ן האט ער נישט געהאט בדעה צו בעליידיגען, דאך געפינט ער נישט פאר מעגליך צו ענדערן דעם כאראקטער פון זיינע פאליטישע ארויסטריטען.

בערויבט א זעמסקע-פערוואַלטונג.

פעטערבורג (ספ.) נעכטען ביי נאכט האבען זיך רויבער אריינגעריסען אין די אויעזדנע זעמסקע פערוואלטונג, אויפגעבראכען די קאסע און ארויסנעהמענדיג פון דארט איבער 60 טויזענד רובל געלד און פאר א גרויסע סומע ווערט-פאפירען, זענען זיי נעלם געווארען.

אַ נאַטשאַלניק-סטאַנציע—אַ קאַטאַרזשניק.

מאסקווע (ספ.) פון יאראסלאוול מעלדעט מען, אז אויף דער סטאנציע „מאלאחא" איז פערשוואונדען געווארען דער געהילף פון נאטשאלניק-סטאנציע קארפאוו, צונעהמענדיג א סומע פון 1,500 רובל. בעת דער אויספארשונג האט מען פעסטגעשטעלט, אז קארפאוו איז אנ'ענטלאפענער קאטארזשניק און איז איינגעטרעטען אין דינסט אויף א פרעמדען פאספארט.

וועגען גורל אין די מיטעל-שולען.

פעטערבורג (ספ.) ווי מ'האט פעסטגעשטעלט וועט דער גורל פון יודען בעת'ן אננעהמען אין די מיטעל-שולען, אויך אנגעווענדעט ווערען אין די פריוואט מיטעל-שולען.

טאלמאטשעוו—א לעקטאר.

קיעוו (ספ.) דעם געוועזענעם אדעסער גראדאנאטשאלניק גענעראל טאלמאטשעוו'ן האט מען ערלויבט צו האלטען א לעקציע אין קיעוו אויף דער טעמא: „וואס דארפען די מאנארכיסטען".

א דינאַמיט-אויפרייס.

מאסקווע (ספ.) אין זאגורא איז אין דער וואוינונג פון בערג-ארבייטער זשעלינסקי פארגעקומען א דינאמיט-אויפרייס. דער אויפרייס איז געווען אזוי שטארק, אז זשעלינסקי'ס פרוי מיט א קינד זענען צוריסען געווארען, פונ'ם אויפרייס איז ענטשטאנען א פייער. דריי קינדער זענען עפעס דורך א וואונדער נצול געווארען.

א שטאַרקער קאמף צווישען איטאליענער און אראבער.

רוים (ספ.) פון בענגאזי מעלדעט מען, אז דעם 15 פעברואר האבען די איטאליענער געמאכט אנ'אנפאל אויפ'ן פיינדליכען לאגער פון סאמאליידים. דער שונא איז אנטלאפען איבערלאזענדיג 235 פערזאן דערהרג'עטע און עטליכע הונדערט פערוואונדעטע.

א מיליטער-פערראַט.

רוים (ספ.) אין קירענייקא איז ענטדעקט געווארען א נייע סקאנדאליעזע מיליטער-פערראט געשיכטע. אין דער געשיכטע זענען קאמפראמעטירט פיעל איטאליענישע אפיצירען.

איבערגעפאהרען פינף אַרבייטער.

מאגדעבורג (ספ.) א פאסט-צוג, וועלכער איז געפאהרען פון בערלין, איז ארויף אויף 5 ארבייטער, וועלכע זענען אויפ'ן ארט דערהרג'עט געווארען.

צור האכצייטספייער פון אונזער געליבטען קוזין שמואל לענטשיצקי מיט פרל. רייזעל ברוזינסקא וועלכע שטאטפינדעט היינט אין קאליש גראטולירען הערצליך יהודא ליב בערנשטיין עט בראט לאסק. 4573

צו דער פערלאבונג פון אונזער ברודער און שוואגער מרדכי מלך פרידע מיט פרל. נאלדע רויזע בלושטיין גראטולירען הערצליך און ווינשען „מזל טוב" 4570 געבריעדער און געשוויסטער פרידע און אברהם יאקובאוויטש און פרוי.

צו דער פערלאבונג פון פרל. פעלא ריידליך מיט חתן נעצל פרידמאן גראטולירט הערצליך 4579 זיין ברודער הערצל פרידמאן.

לעצטע לאדזער נייעס.

די יובילעאום-פייערונג פון די פויערים-בעפרייאונג אין לאדז.

(ג) נעכטען איז אין צווייטען טאג געפייערט געווארען דער 50-יעהריגער יובילעאום פון דער פויערים-בעפרייאונג אין פוילען.

די פייערונג איז פארגעקומען אין אלע געבעט-הייזער. צווישען אנדערע איז אויך אבגעהאלטען געווארען א תפלה אין דער אלט-שטעדטישער שוהל, אין דער אנוועזענהייט פונ'ם רב, פארשטעהער פון דער ארטיגער מאכט מיט'ן פאליצייםייסטער אן דער שפיץ און זעהר א גרויסען עולם. דאס גאטעס-דינסט האט זיך אנגעהויבען מיט געזאנג פון א קאפיטעל תהילים, דאן האט דער חזן מיט'ן כאר געזונגען „הנותן תשועה" און דעם רוסישען נאציאנאלען הימן.

דער רב האט דערויף געהאלטען א לענגערע רעדע אויף רוסיש, אין וועלכער ער האט זיך בעזונדערס אבגעשטעלט אויף דער לאגע פון די יודען אין פוילען פאר דער פויערים-בעפרייאונג און נאך איהר ביז'ן היינטיגען טאג. די רעדע איז אויפגענומען געווארען מיט הורא-אויסרופען און די אנוועזענדע פאליציי-פארשטעהער מיט'ן פאליצייםייסטער אן דער שפיץ האבען דעם רב הערצליך געדאנקט.

דער יובילעאום איז אויך געפייערט געווארען אין די יודישע עלעמענטאר-שולען, בעת וועלכע די שילער איז פערטיילט געווארען פערשיעדענע זיסיגקייטען.

פאר דער שול-יוגענד זענען אין פערלויף פון נאכמיטאג אויך פארגעקומען פארשטעלונגען אין פיעל טעאטערען.

פערטיילט געווארען סטיפענדיעס.

(ג) פארגעסטערן אין אווענד איז פארגעקומען די זיצונג פון סטיפענדיום-קאמיטעט, וואס ס'האט זיך געבילדעט ביים יודישען „דאבראטשינאסטש" אויפ'ן נאמען פון פערשטארבענעם לעאן הערץ, מיט'ן ציעל צו שטיצען אונבעמיטעלטע טאלאנטפאלע יוגנט-לייט. אויף דער זיצונג איז בעטראכט געווארען העכער 100 ביטעס פון טאלאנטפאלע יונגע-לייט וועלכע האבען געבעטען שטיצע.

נאך לאנגע דעבאטען זענען פון די העכער 200 פעטיציען אויסגעקליבען געווארען 20, וועלכע וועלען פון די פראצענטער פון די 100,000 רובל וואס דער פאנד בעטרעפט בעקומען סטיפענדיום פון 300 ביז 600 רובל.

די יעהרליכע פערזאמלונג פון „עזרת אלמים".

(ג) נעכטען ארום 4 א זייגער נאכמיטאג איז אין איינגענעם לאקאל (זעלאנא 23) אונטער'ן פארזיץ פון ה' ליפראך, פארגעקומען די אלגעמיינע יעהרליכע פערזאמלונג פון די מיטגליעדער פון פעראיין „עזרת אלמים".

פון העכער 200 מיטגליעדער זענען צו דער פערזאמלונג געקומען קוים 10 פערזאן... (אויסער 15 פערזאן פון דער פערוואלטונג). פון בעריכט איז צו זעהען, אז דאס דריטע טעטיגקייטס-יאהר פון פעראיין איז געווען זעהר א פרוכטבארעס, אין דער טויב-שטומען שולע האבען זיך געפונען אין פערלויף פון יאהר 40 שילער, פאר וועלכע ס'איז אויך איינגעפיהרט געווארען פערשיעדענע האנדווערקען און צייכענלעקציעס. דאס לעהרער-פערזאנאל פון דער שולע האט ענערגיש געארבייט, צו ענטוויקלען דעם מאראלישען און פיזישען צושטאנד פון די שילער, וועלכע האבען געמאכט גרויסע פארטשריט אין זייערע למודים. די שילער בעקומען אויך אומזיסטע מיטאגער, מעדיצינישע הילף א. אז. וו. פון קאסע בעריכט איז צו זעהען, אז דער פעראיין האט געהאט הוצאות 8327 רובל מיט 16 קאפ. און הכנסות מיט 16 קאפ מעהר. דער טעטיגקייטס-און קאסע-בעריכט ווערט נאך קורצע דעבאטען בעשטעטיגט.

לענגערע דעבאטען רופט ארויס דער פראיעקטירטער בודזשעט אין דער סומע פון 10,000 רובל. דער בודזשעט ווערט בעשטעטיגט מיט דער בעפאלמעכטיגונג דער פערוואלטונג דעם בודזשעט צו פערגרעסערן אויף 10 פראצענט. אויפ'ן פארשלאג פון ה' ג. ניימאן ווערט בעשלאסען, אז ביי דער שולע זאל געבילדעט ווערען א פעדאגאגישער קאמיטעט, ס'ווערט אויך אנגענומען דער פארשלאג פון ה' יוליוס ראזענטאל, אז ס'זאל געבילדעט ווערען א דאמען-קאמיטעט' וואס זאל זארגען פאר די הכנסות פון פעראיין; אז די וואהלען פון א פערוואלטונג זאלען פארקומען אויף יעדער גענעראל-פערזאמלונג א. אז. וו.

די וואהלען האבען געגעבען פאלגענדע רעזולטאטען: אין דער פערוואלטונג זענען ארייין די ה"ה ש. ראזענבלאט, מ. רונדשטיין, י. איננסטער, ד. ראזענבלאט, י. ראזענטאל, ד"ר סאקאוו, ד"ר מאלאוויסט, מ. יאקובאוויטש, ב. א. גליקסמאן, מ. ד. שמולאוויטש, ז. יאקאבי, ב. ל. שטארקמאן, ג. ניימאן, י. אייגער און א. איננסטער. אלס קאנדידאטען זענען געוועהלט געווארען די ה"ה ד"ר ראזענבלאט, ס. הערץ און א. ל. סאפראי. אין רעוויזיאנס-קאמיסיע זענען ארייין די ה"ה י. פרווישיצקי, א. באום און ה. ווייס אלס קאנדידאטען אין רעוויזיאנס-קאמיסיע די ה"ה ס. אויערבאך און ס. פיאטרקאווסקי.

זדונסקא-וואליא.

אונטערגעוואָרפען א קריסטליך קינד.

אין שפייז-קראם פון נחום סאלאמאנאוויטש אין מארק, איז אריינגעקומען א יונגערמאן מיט א פרוי און עפיס געקויפט. ווען זיי זענען נאך געהאט ארויסגעגאנגען האט פרוי סאלאמאנאוויטש בעמערקט, אז צווישען די זעק ליגט א פעקיל. זי האט דאס פאק געעפענט און צו איהר גרויס פערוואונדערונג איז דארט געלעגען א קינד. זי האט דאס גלייך דערצעהלט איהר מאן, וועלכער איז באלד נאך, און צום גליק האט ער דעם חבר מיט דער דאמע נאך געטראפען און זיי צוריקגעגעבען זייער פעקעל...

די גאנצע געשיכטע בלייבט דערוויל א רעטעניש.

A. A.

יענטא גרינבערג
משה אלאמוצקי
פערלאבטע
לאדז אים פעברואר 1914. 4581

צו דער פערלאבונג פון ה' משה אלאמוצקי מיט פרל. יענטא גרינבערג ווינשט „מזל-טוב" און פיעל גליק יעקב ראזענטאל.

Z okazyi zaręczyn siostry naszej panny Roży Króll z panem Markusem Grünwaldem serdecznie winszujemy Izydor Króll, Estera Króll, Izrael Króll. 4572

צו אונזערע לעזער
די יודישע געשיכטע פון פראפ. גרעץ ערשטער און צווייטער באנד געבונדען אין א פראכט באנד איז צו בעקומען פאר'ן שפאט-ביליגען פרייז פיר נור 60 קאפ. ביי אלע צייטונגס-פערקויפער ווי אויך ביי אונז אין אדמיניסטראציע.

ביילים'עס רייזע קיין ארץ-ישראל.

(פון אונזער קארעספאנדענט).

פאר צוויי וואכען מאנטאג איז ביילים און זיין פאמיליע אנגעקומען אויף דער עסטרייכישער שיף „עלעקטריע" קיין אלעקסאנדריע. ווען די שיף איז אנגעקומען צום ברעג און עס האט זיך פערשפרייט א קלאנג, אז ביילים איז אנגעקומען, איז באלד געלאפען צום ברעג א גרויסער עולם, פון די אלעקסאנדריער איינוואהנער, יודען און נישט יודען, און יעדערער האט זיך בעמיהט צו געבען ביילים'ן די האנד און צו רעדען מיט איהם עטליכע ווערטער. עס זענען געווען א טייל, וועלכע האבען געפרעגט ביילים'ן, פאר וואס ער פאהרט אין דער דריטער קלאס און נישט אין דער ערשטער, דערויף האט ער געענטפערט, אז „ער איז נישט מעהר ווי א פראסטער ארבייטער; און ארבייטער פאהרען געוועהנליך נאר אין דער דריטער קלאס".

דאן איז אויף דער שיף ארויפגעגאנגען א ספעציעלע דעלעגאציע, וואס איז געשיקט געווארען פון דער יודישער געמיינדע מקבל פנים צו זיין ביילים'ן. די דעלעגאציע איז בעשטאנען פון 2 מיטגליעדער פון דער געמיינדע די ה"ה עדוארד סוארס און יוסף פושוטו, דער דירעקטאר פון די אליאנס-שולען ה' ראנון. דער געשעפטס-פיהרער פון „כרמל" ה' יורעלעוויטש און אייניגע מיטגליעדער פון דער אגודה „צעירי ציון".

שפעטער איז ביילים מיט זיין פאמיליע פערפאהרען אין א ספעציעל אויטאמאביל צום האטעל „מעטראפאל", בעגלייט פון פיעל מענשען און אונטער פרייד-אויסרופען, דער עולם איז געווען אזוי גרויס, אז ביילים'עס קינדער האבען ווייניגער אנגעהויבען צו וויינען און מורא בעקומען, מען זאל נישט ערשטיקען זייער טאטען...

אין האטעל „מעטראפאל" איז שוין געווען צוגעגרייט א שען צימער פאר ביילים'ן, בעפוצט מיט פערשיעדענע פערציהרונגען, אין דעם צימער האט ער אויפגענומען אלע געסט און אויך פערטרעטער פון דער פרעסע.

ביילים האט דאן אין דער אנוועזענהייט פון די פארשטעהער פון דער יודישער געמיינדע און אנדערע אנגעזעהענע לייט דערצעהלט זיין ליידענס-געשיכטע, נאר ווען די זשורנאליסטען האבען בעריהרט זיין פראצעס האט ער דערפון נישט געוואלט רעדען, וואדום נאך ביז איצט געפינט ער זיך אין נערוועזען צושטאנד און עס דוכט זיך איהם אלץ, אז מען יאגט איהם נאך און מען פערפאלגט איהם.

שפעטער איז אויך געקומען צו ביילים'ן דער אבער-ראבינער הרב ר' רפאל הילזורנילה מיט דער בעגלייט פון רב אברהם אבוכזרי און מיט איהם גערעדט. און אין אוונד האבען די „צעירי ציון" געמאכט פאר איהם א ספעציעלע פערזאמלונג, וועלכע איז פארגעקומען אין דער קאנצעלאריע פון ראבינאט און אויף וועלכע עס האבען אנטייל גענומען אלע אנגעזעהענע מענשען פון דער קהלה. ווען ביילים איז אריינגעקומען אין זאל האט אויסגעבראכען א שטורם פון אפלאדיסמענטען.

דאן האט דער אבער-ראבינער געעפענט די פערזאמלונג מיט א קורצע רעדע וועגען דעם קיעווער פראצעס און דערצעהלט די גאנצע ליידענס-געשיכטע פון מענדעל ביילים, די פרטים פון בלבול און פון דעם גאנצען גאנג פון פראצעס און געענדיגט מיט א הייסע בעגריסונג ביילים'ן אין נאמען פון דער יודישער געמיינדע פון אלעקסאנדריע.

נאך איהם האבען גערעדט אנדערע רעדנער און געוואונשען ביילים'ן, ער זאל זוכה זיין צו קומען „אל המנוחה ואל הנחלה", אין דעם לאנד פון די יודען וואו א היין ער פאהרט, אין ארץ-ישראל.

אין ארץ ישראל איז אנגעקומען די ידיעה וועגען ביילים'עס אנקומען מיטוואך שפעט אין אוונד, בעקומען האט די טעלעגראמע ד"ר רופין. ער האט באלד צו וויסען געטהון דערפון אלע פארשטעהער פון די געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס. נאר דאנערשטאג אין דער פריה אזוי ווי עס איז נאר טאג געווארען האט מען שוין געקאנט זעהען ווי גרויסע מענשען-מאסען געהען אראב צום פארט אום מקבל פנים צו זיין ביילים'ן. 8 א זייגער אין דער פריה איז אנגעקומען די עסטרייכישע שיף „עלעקטריע", אזוי ווי די שיף האט נאר געאנקערט זענען באלד ארויף צו ביילים'ן עטליכע מיטגליעדער פון ועד-העיר, א פערטרעטער פון חכם-באשי און אויך עטליכע סאלדאטען געשיקט פון דער אדמיניסטראציע אים אבצוהיטען די ארדנונג, אזוי ווי ביילים מיט זיין פאמיליע איז נאר אראב פון דער שיף האט איהם דער גאנצער עולם געמאכט שטארקע אוואציעס. דער רייכער בוכארער יוד ה' קאנדינאף האט געשיקט ספעציעל פאר ביילים'ן זיין טייערע קארעטע אום ער זאל אויף איהר פאהרען אין שטאדט ארויין. צוליעב דעם גרויסען עולם האט מען געמוזט פאהרען אויף אנ'אנדערען וועג, פריהער איז געפאהרען ביילים און דערנאך אלע חשובים פון יפו, ביז 40 קארעטען.

אין „תל אביב" האט מען ערשט ביילים'ן געמאכט נייע אוואציעס. מען האט איהם אבגעפיהרט אין האטעל „הרצליה" וואו ה' שיינקין האט בעגריסט אין נאמען פון אלע יפו'ער איינוואהנער. דאן איז ביילים ארויף אויפ'ן באלקאן, דאס פובליקום האט איהם דאן ערשט אויף ס'ניי געמאכט שטארקע אוואציעס און ער האט אלעמען געדאנקט.

דעם זעלבען טאג האבען איהם בעזוכט אלע רבנים פון יפו, די אשכנזים און די ספרדים און אין אוונד האבען די שילער פון גימנאזיום געמאכט א דעמאנסטראציע פאר דעם האטעל „הרצליה" לכבוד ביילים'ן, אויף די נייע וואך פאהרט ער קיין פתח תקוה און אפשר וועט ער זיך דארט בעזעצען.

יפו. מ. ז. נאטהארד.

טאג-נאטיצען.

אונזערע „זשארגאן"-פרעסער.

יא, רבותי, מיר האבען אזעלכע, מיר בעזיצען אזוינע טיפען.

און נישקשה, מיר מעגען זיך איבערנעהמען מיט זיי, מיט אונזערע „זשארגאן"-פרעסער...

זיי פערשטעהען אנ'עסק. זיי זענען קינסטלער אויף צו טרייבען „פאליטיק" זיי זענען בריות אויף צו מאכען א „תל" פון זייער פערהאסטען „זשארגאן"...

אט איז אין פעטערבורג פארהאן א ציוניסטישער „ראזסוועט" — א רוסיש בלאט, מיינט איהר, וואס שרייבט מען דארט, אין דעם „ראזסוועט"?

די גאנצע קראפט ווענדעט מען אן אויף צו קעמפפען—געגען „זשארגאן".

הויבט אן ארויסצוגעהן א יודישער זשורנאל קומט דער פעטערבורגער „זשארגאן"-פרעסער און זאגט באלד אב רבנן קדיש.

און ער טהוט עס כלומר'שט מחמת רחמנות צום „זשארגאן" און אויב איהר ווילט—זאגאר צוליעב ליעבשאפט...

עס איז א גאנץ שענער זשורנאל, א פיינע אויסגאבע, נאר פאר וועמען? ווער דארף איהם? ווער וועט איהם אונטערשטיצען?

טרעפט אבער א מעשה, אז די „זשארגאניסטען" פיהרען דורך אייניגע זייערע רעזאלוציעס אויף א צוזאמענפאהר פון „מפיצי השכלה" — דא שפרינגט שוין דער „ראזסוועט" פון די האלאבלעס ארויס...

דאס איז שוין נישט קיין זשורנאל; דאס איז א געזעלשאפטליכער נצחון.

און דער פעטערבורגער „זשארגאן"-פרעסער האט אנגעגורטעלט די לענדען און איז ארויס אויף א מלחמת-מצוה מיט די „זשארגאניסטען".

און אין א מלחמה פערליערט מען דאס רחמנות-געפיהל; פון „ליעבשאפט" רעדט מען שוין נישט; מען ווערט פול מיט ברען-שטאף, מיט אופרייס-מאטעריאל...

איז דער „ראזסוועט" ארויס מיט א קנאקעדיגען ארטיקעל, מיט כעס און גרימצאר'ן:

— ווער זענען זיי, די זשארגאניסטען? דאס זענען דאך די אמאליגע „פארטיי"-מענטשיזן... דאס זענען יונגלעך... אהן בילדונג און אהן קענטנישע...

אט אזוי אנ'ערך קלינגט דער טאן פון קאמפפלוסטיגען „ראזסוועט".

ער האט ארויסגעוויזען זיין אמת'ע „זשארגאן"-פרעסערישע פיזיאנאמיע.

און ווען פיעל האבען זי ביז אהער נישט געקענט, איז זיי איצט אלץ קלאר געווארען.

מען ווייסט שוין דעם כלי זין פון די „זשארגאן"-פרעסער; מען קען שוין זייערע קאמפף-מיטלען.

חוצפה, סקאנדאליזם...

און אומעטום האבען זיי אייגענע און דיזעלבע פיזיאנאמיע: דער אדעסער מנחם מענדעל אוסישקין איז נישט קיין קלענערער „זשארגאן"-פרעסער פון פעטערבורגער „ראזסוועט".

און אויך ער איז בעגאנגען א טהאט, וואס קאן אנדערש נישט אנגערופען ווערען ווי —

חוצפה, סקאנדאליזם.

די מעשה איז געווען אזוי: די בעריהמטע העברעאישע שריפטשטעלער ח. נ. ביאליק און י. ח. ראווניצקי האבען פארגעלעגט, אז די אדעסער חברת „חובבי שפת עבר" זאל אויסקלויבען אלס עהרען-מיטגליעד מענדעלי מוכר ספרים.

מענדעלי מוכר ספרים איז אבער א חוץ דער זיידע פון דער העברעאישער נייער ליטעראטור, אויך דער זיידע פון דער יודישער ליטעראטור; מענדעלי מוכר ספרים איז נישט קיין „זשארגאן"-פרעסער, נאר אדרבה ואדרבה...

היינט קאן מען איהם מאכען פאר אנ'עהרען-מיטגליעד אין אזא חברה, וואו מנחם מענדיל אוסישקין איז דער יושב ראש?

איז טאקי דער „אייזערנער קאנצלער" פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אויפגעשטאנען און מודיע געווען:

— איך אדער ער...

האבען זיך די ציוניסטיש-העברעאישע שפעלער דערשראקען און אויסגעקליבען — אוסישקינ'ען אנשטאט מענדעלי מוכר ספרים.

און ביאליק און ראווניצקי זענען ארויס פון דער חברה...

אט ווי עס האנדעלט דער אדעסער „זשארגאן"-פרעסער, מ. מ. אוסישקין, פונקט ווי דער פעטערבורגער אידעל-סאהן.

דען ביידע האלטען זיך אן דעם פרינציפ פון: „עברית או רוסית".

און דער דאזיגער פרינציפ מוז ברענגען צו חוצפה'דיגע, סקאנדאליעזע האנדלונגען!

לאזאר י.

די גרושים אין פאראלער גובערניע.

די לעצטע צייט האבען זיך פערשטארקט די גרושים אין פאראלער גובערניע, אזוי ווי די גרושים פון יודען, וועלכע האבען זיך בעזעצט ביז דען 3-טען מאי 1882, זענען נישט געזעצליך, האט די אדמיניסטראציע געפונען אנ'אנדער וועג,—זי ציהט צו צו פעראנטווארטליכקייט די יודען לויט'ן פונקט 1171 פאר... אונגעזעצליכען האנדעל.

אין לעטישטשעוו זענען די טעג פארגעקומען אייניגע עהנליכע פראצעסען די דאזיגע פראצעסען זענען שוין בעטראכט געווארען מיט אייניגע חדשים צוריק אין דער אבטהיילונג פון די אנגעקלאגטע און די לעצטע זענען פער'משפט געווארען ארויסצוציהען.

די אנגעקלאגטע האבען דערלאנגט אפעליאציעס און די טעג זענען די פראצעסען נאך א מאל בעטראכט געווארען. די אנגעקלאגטע האבען געפאדערט ביי'ם אקרוזשנאי סוד, אז צו די פראצעסען זאל די פאראלער גובערנסקע פערוואלטונג זיי ארויסגעבען צייגנישען, אז זיי וואוינען שוין אויף די וואוין-ערטער פון פאר דעם 3-טען מאי 1882. דער אקרוזשנאי סוד האט אבער אבגעזאגט די פאדערונג פון די יודען ערקלערענדיג, אז אזעלכע צייגנישען האבען פאר די פראצעסען קיין שום בעדייטונג נישט. דאס געריכט האט, אלזא ארויסגעגעבען א ענדגילטיגען פסק-דין, לויט וועלכען אלע אנגעקלאגטע מוזען מיט זייערע פאמיליעס פערלאזען די וואוין-ערטער און זייערע סחורות וועלען קאנפיסקירט ווערען.

קיין שום האפנונגען, אז די העכערע אינסטאנצען זאלען מבטל מאכען דעם פסק-דין, איז נישטא, ווייל די אדעסער סודעבנע פאלאטע, וואו ס'זענען נאך פריהער בעטראכט געווארען עהנליכע פראצעסען בעשטעטיגט אלע אורטיילען פון אקרוזשנאי סוד אין אזעלכע פראצעסען.

אמוטהיגער טהאט.

ווי בעקאנט איז אין אנהויב ווינטער ערמארדעט געווארען אין ארץ ישראל אין דער קאלאניע דגניה דער יודישער ערד-ארבייטער משה בארסקי. די חברים פון פערשטארבענעם האבען דאן געשיקט צו זיין פאטער, וועלכער וואהנט אין סקווירא (קיעווער גוב.) א טרייסט בריעף, אין וועלכען זיי האבען איהם אויסגעדריקט זייער אנטיילנעהמען אין זיין צער, דערויף האט זיי דער פאטער געענטפערט מיט א בריעף, אין וועלכען שרייבט ער צווישען אנדערעס:

ליעבע ברידער, דאס וואס מיר האבען נישט ערווארט האט אונז געטראפען, א גרויס אומגליק איז אונז געשעהן, אבער איך גלויב, אז אייער מוטה וועט ביי אייך נישט פאלען אויף צוריק צוטרעטען פון דער ארבייט. אדרבה! איך האף, אז דער אנדענקונג פון מיין פערשטארבענעם זוהן וועט אייך געבען נאך מעהר מוטה צו שטעהן פעסט אין דער אייביגער מלחמה ביז מיר וועלען פערווירקליכען אונזער גרויסען געדאנק, צוליעב וועלכען מיין קינד האט זיך צווישען אייך געאפפערט.

ברידער אין אידעאל! איך בין אייך נישט געקומען איצט אויסדריקען מיין דאנק פאר אייער אנטייל נעהמען אין מיין צער, נאר איך וויל אייך אויך טרייסטען, ווייל „מיין צער איז דאך אויך אייער צער". דעריבער, לאמיר האפען, אז דאס בלוט פון אונזער גרויסען קרבן, דאס בלוט פון מיין זוהן און אייער ברודער משה, וועט בעווילינט ווערען און אפשר וועט ער אויך זיין דער לעצטער קרבן אויפ'ן מזבח פון אונזער הייליגער אידעע, אייערער הערץ בארסקי".

אבער דער פאטער האט נישט בלויז געשריבען נאר אויך געטהון און געשיקט באלד קיין דגניה זיין יונגערען זוהן, א געזונדטען יונגערמאן און איבערגעגעבען דעם אידעאל פון אויפלעבען ארץ ישראל ווי זיין ברודער:

א מוטהיגער טהאט, וואס איז ווערט צו בעגריסען.

אויף פורים

און צום פריהלינג-סעזאן בעטען מיר אויפצוגעבען די אנאנסען וואס פריהער דען נור אויף אזא אופן וועלען מיר אימשטאנד זיין יעדענס אנאנס שעהן און געשמאקפאל אויפצושטעלען.

אדמיניסטראציע
„לאדזער טאגעבלאט".

קופאן № 41

יעדער לעזער, וואס שטעלט צוזאמען 10 קופאנען בעקומט יעדע 2 וואכען א באנד יודישע געשיכטע (פון פראפ. גרעץ) אלס פרעמיע פון „לאדזער טאגעבלאט" נור פאר 20 קאפ. אבאנד.

וועלט-נייעס.

א סאלדאט האט געמאכט חנ'דעלעך צום דייטשען קייזער'ס טאכטער.

דער בערלינער קארעספאנדענט פון די „דעילי ניוס" דערצעהלט, אז א סאלדאט אויף דער וואך נעבען פאלאץ פון פירשט פון ברוינשווייג, דעם איידעם פון קייזער ווילהעלם, האט זיך געפיהלט לאנגווייליג פון ארומשפאצירען מיט'ן ביקס און האט געוואלט זיך א ביסעל פערטרייבען. ער האט געזעהן א פיינע יונגע פרוי פערבייגעהן און האט אנגעפאנגען מאכען צו איהר חנ'דעלעך. ער האט פריהער געוואונקען צו איהר, דערנאך געפייפען און שפעטער אנגעפאנגען איהר רופען און צווארפען קאמפלימענטען. די יונגע פרוי איז אריין אין פאלאץ און איז פערשוואונדען.

דער סאלדאט איז שפעטער געווארען רעכט דערשראקען ווען דער פירשט איז צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם אויסגעזידעלט דערפאר, וואס ער האט בעליידיגט א פרוי, „דיין גליק—האט ער געזאגט—וואס דאס איז געווען מיין ווייב. ווען דו וואלסט געטראפען אויף אנ'אנדערע, וואלסטו יעצט געלאפט א שווערען סוף. ווען דאס פאסירט נאך אמאל וועסטו געהן אין קארצער".

* * *

אנ'אטענטאט אויף א קינד.

פון קעלן שרייבט מען: די פאליציי האט דא ארעסטירט 3 פערזאן, וועלכע ווערען בעשולדיגט, אז זיי האבען אונטערגעצונדען א בעט אום צו פערברענען א 5-יעהריג קינד. די מוטער פון קינד איז די ארטיסטין קאטערינא טהייזען, וועלכע שפיעלט שוין נישט מעהר אויף דער ביהנע און זי האט דעריבער דעם קינד נישט געקאנט געבען קיין נאהרונג, זי האט דעריבער אבגעפיהרט דאס קינד צום סוחר ל. דארט האט דער סוחר און א פריינדין פון די ארטיסטין צוזאמען מיט דער מוטער געלעגט דאס קינד אין בעט אריין, דאן האבען זיי אונטערגעצינדען דאס בעט און די טהיר פערריגעלט, שפעטער האט מען געפונען דאס קינד דערשטיקט.

* * *

די „קעניגין" פון די קעניגינען אין פאריז

אין פאריז איז ביי די פרויען וואס שטעהן אין די מארק-האלען געבליבען אנ'אלטער מנהג, אויסצוועהלען יעדעס יאהר אין דער נאכט פאר דער „פאסט" צייט, 8 קעניגינעס וועלכע קלויבען דאן אויס א „קעניגין" איבער די קעניגינען, היי-יאהר איז געוועהלט געווארען איינשטימיג די פרוי מארצעלע [illegible].

Lekarz-Dentysta

צאהן-ערצטין

ר. ראזענמאן

ניקאלאיעווסקא 60 עקע נאווראט

געוועזענע אסיסטענטין ביים צאהן-ארצט האבערפעלד.

נימט אן פון 10 ביז 2 און פון 4 ביז 8.

5080

Dr. Hugo Goldblatt

לייטער דער איינענקליניק דעם בליני-דען-קוראטאריומס

פעטריקויער שטר. 79

שפרעכשטונדען פון 11—1 און פון 5—7.

די שרעקליכע סודות.

א וועלט-שפאנענדער ראמאן פון לאדזער לעבען.

(320 בעארבייט פון ל. שרייבער.

דושעני איז געשטאנען אויסער זיך פאר איבערראשונג.

— זענט איהר איהם אלזא מוחל? — האט זי געפרעגט.

— אויף וויפיעל ער האט שלעכטס געטהון מיר פערזענליך, בין איך איהם מוחל, — האט בלאך געענטפערט. — ווייטער, וואס אנבעלאנגט צו זיין פערברעכען גופא, גיעב איך איבער זיין משפט גאט אליין. יענעם אלמעכטיגען געזעץ פון גערעכטיגקייט, וואס פיהרט אן די וועלט און וואס זארגט שוין אליין, אז קיין פערברעכען, וואס ווערט בעגאנגען געגען דער מענשהייט, זאל נישט בלייבען אונבעשטראפט. איך אבער וויל אויף איהם קיין האנד נישט ארויפלעגען.

אין דושעני'ס אויגען האט אויפגעגלאנצט א פונק פון האפנונג.

— גאט מיינער! — האט זי בעזאגט. — אויב איהר בעציהט זיך אזוי צו איהם, וואס זאל איך, זיין אייגענע טאכטער, שוין זאגען? איבריגענס, איך פערשטעה אייך, הערר בלאך! איך פערשטעה אייך גאנץ גוט... איהר מיט אייער גרויסמוטיגען הארץ, איהר קאנט נישט אנדערש רעדען. נאר איך... איך דארף זיין שטרענגער צו איהם, ווי איהר אליין. און... יא, צו זיך אליין מוז איך אויך זיין שטרענגער. איך ווייס, אז פון דער מינוט אן איז אלץ צווישען אונז געענדיגט, וועגען קיין נעהנטערע בעציהונגען צווישען אונז קאן שוין קיין רעד נישט זיין, נאר...

זי האט פלוצלונג איבערגעהאקט און איז בלאס געווארען. דאס קלארע בעוואוסטזיין, אז אלץ, אלץ איז פאר איהר פערשפילט האט דאס לעצטע ביסעל נייטיגע קראפט פון איהר הארצען פערטריעבען. זי איז געפאלען אויף א שטוהל א דערשלאגענע, מיט ביידע הענד דאס פנים בעדעקט און זיך ביטער צעוויינט.

גלייכצייטיג האט זי אויך דערפיהלט אזא שוואכקייט אין אלע גליעדער, ווי איהר לעצטע מינוט וואלט אנגעקומען. זי האט בלויז איינמאל א הוסט געטהון, נאר דאס ווייסע טיכעל, וואס זי האט אין האנד געהאלטען, איז גלייך רויט געפארבט געווארען.

בלאך איז צוגעלאפען און זי אנגעהויבען טרייסטען.

דורך שטיקענדע טרעהרען האט זי געשטאמעלט:

— ניין, ניין, הערר בלאך... טרייסט מיך נישט... איך בין עס נישט ווערט... און קיין טרייסט קאן מיר שוין סיי ווי נישט העלפען... צווישען אונז איז אלץ געענדיגט... איך גיעב אייך צוריק אייער ווארט... און איהר זענט ווידער פריי, צו נעהן צו יענער, וועלכע האט אייער ליעבע זיכער פערדינט, ווי איך... איך פאהר אוועק... איך אנטלויף צוזאמען מיט איהם, מיט דעם יעניגען, וואס איז צום אונגליק געווארען מיין פאטער... איך אנטלויף צוזאמען מיט איהם פון אונזער שאנדע... נאך א טאג, און מיר וועלען שוין זיין מיט... און איהר וועט שוין קיינמאל פון אונז נישט הערען... נאר... איהר זענט געווען אזוי גוט צו מיר... אה, ווי דאנקבאר איך בין אייך... מיין גאנץ לעבען וועל איך דאס געדענקען... דאס וועט זיין דאס איינציגע, וואס וועט מיך שטארקען און קרעפטיגען אין מיין גרויסען אונגליק... נאר אויב ס'איז נישט צופיעל פון מיין זייט, וועל איך אייך בעטען נאך איין לעצטען חסד, וואס איהר זאלט מיר טהון, איידער מיר וועלען זיך שיידען אויף אייביג... איך וואלט וועלען, אז אט די אלע גוטע ווערטער, וואס איהר האט נאר וואס מיר געזאגט, זאלט איהר עס איהם אויך זאגען... ווידערהאלט עס פאר אונז ביידען נאך א מאל און...

— ווילט איהר אלזא, איך זאל מיט אייך צו אייער פאטער צופאהרען? — האט בלאך ווייך געפרעגט.

— אויב נאר דאס וועט אייך נישט צו טייער זיין.

— ביטע, גוטע דושעני! איך קאן אייער לעצטען ווילען נישט אבזאגען.

זי איז שווייגענדיג אויפגעשטאנען.

און זי אראבגעפיהרט אונטען צו איהר קארעטע. די קארעטע האט זיך פון ארט געריהרט און באלד זיי ביידען געבראכט צוריק צו בראנקע'ס וואהנונג.

דארט אבער האט דושעני מיט א מאל א גאנץ אנדער בילד געטראפען. די וואהנונג איז געווען בעלאגערט פון פאליציי. פאליציי איז געשטאנען אונטען ביי'ם טויער, פאליציי איז געשטאנען אין הויף, אויף די שטיגען, און ביידע איינגאנגען פון בראנקע'ס וואהנונג זענען געווען שטרענג בעוואכט פון פאליציי.

דושעני און בלאך האבען ברייט די אויגען צושפרייט פאר ערשטוינונג. צוערשט האט מען זיי גארנישט געוואלט אריינלאזען אינוועניג, נאר באלד איז הינטער זיי אונטערגעקומען עפעס א סוביעקט, וואס האט עפעס איינגערוימט אין אויער דעם דעזשורנעם ביי'ם טהיר, און מען האט זיי אריינגעלאזט, עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער זעלבער סוביעקט איז נאכגעפאהרען דושעני'ן פון זינט זי איז ארויס פון בראנקע'ס וואהנונג אין צוריק. ווען זי וואלט נישט צוריקגעקעהרט, פון וואנען זי איז געקומען, נאר געוואלט פערפאהרען ערגעץ אנדערש, וואלט ער געוויס אין מיטען גאס פאליציי צוגערופען און זי נעהמען ארעסטירען.

פון וואנען זשע האט זיך א הער פלוצלונג פאליציי גענומען?

די זאך איז געווען גאנץ איינפאך:

ווי דער שעף פון געהיים-פאליציי האט צוגעזאגט בלאשקאווסקי'ן, איז איבער פיש'ס הויז און אלע זיינע איינוואוינער, און בעזונדערס איבער פריץ'ן, געשטעלט געווארען זעהר א שטרענגע, געהיימע שמירה, איבערצייגט, אז פיש איז טאקי דער, פאר וועלכען בלאשקאווסקי האט איהם אויסגעגעבען, האט דער שעף בעשלאסען אנצווענדען אלע זיינע קרעפטען, ניט ארויסצולאזען פון די הענד אזא „העכט". יעדער מיטגליעדער פון פיש'ס הויז, און דערהויפט פריץ, איז נאכגעשפירט געווארען מינדעסטענס פון צוויי געהיים-אגענטען, און קיינער פון זיי האט קיין איינציגען שריט נישט געמאכט, אז וועגען דעם זאל נישט געמאלדען ווערען דעם שעף.

דער לעצטער האט אלזא געוואוסט גענוי, וואס פריץ טהוט יעדען טאג, וואוהין ער געהט, מיט וועמען ער זעהט זיך. מען האט איהם נאר געגעבען כלומר'שט פרייהייט, כדי ער זאל נאר מעהר מוטה בעקומען און ווערען דרייסטער. דעריבער טאקי האט מען עס איהם נישט געשטערט אין די באנקען, נאר די ידיעה, אז ער ציהט ארויס די קאפיטאלען פון די באנקען האט דער שעף פון געהיים-פאליציי בעקומען מיט אלע גענויאיגקייטען, און די דאזיגע גענויאיגקייטען זענען נאר אומשטאנד געווען צו בעשטעטיגען זיין מיינונג, אז עס ווערט געהיים צוגעגרייט דאס אנטלויפען פון פיש'ן מיט פריץ'ן צוזאמען.

עס איז נאר געבליבען צו דערגעהן, וואו פיש בעהאלט זיך.

אז מען האט דעם שעף געמאלדען, אז פריץ מאכט יעדע נאכט וויזיטען אין בראנקע'ס וואהנונג, איז איהם באלד איינגעפאלען א חשד, צי דארט געפינט זיך נישט טאקי פיש גופא אויך. פון אלטער פראקטיק האט ער געוואוסט, אז דאס איז א זעהר אנגענומענער מאנעווער פון פערברעכער צו פערדעקען זייערע מעשים דורך אזא אויפפיהרונג. נאר כל זמן פריץ האט דארט געמאכט זיינע וויזיטען בלויז ביינאכט, האט זיך דער שעף נאך נישט בעשלאסען אבצוטרעטען א היין מיט א וויזיט. עס האט איהם נאך געפעהלט די זיכערהייט, צי האלט זיך דארט ווירקליך אויף פיש אליין, און ער האט נישט געוואלט מיט א איבערגעאיילטען שריט די גאנצע שפיעל פערדארבען.

קוים אבער האט ער דערהאלטען א ידיעה, אז פריץ איז בייטאג ארויין צו בראנקע'ן, און מאקי מיט פיש'ס טאכטער, האט דער שעף בעקומען זיכערהייט און ער האט בעשלאסען, אז איצט איז געקומען די ריכטיגע צייט צו מאכען א סוף צו דער דאזיגער געשיכטע...

(פארזעצונג קומט.)

וואס הערט זיך אין לאדז.

בעשלאָסען צו פעראייניגען צדקה-חברות.

אין צוזאמענהאנג מיט די בעשלוסען פון די גענעראל-פערזאמלונגען פון די באלוטער צדקה-חברות, אז אלע חברות דארפען פעראייניגט ווערען, האבען זיך פארגעסטערן אין אָווענד אונטער'ן פאָרזיץ פון ד"ר ערדלבערג פערזאמעלט אין „משמורת החולים" (אלעקסאנדער גאס 6) די מיטגליעדער פון די פערוואלטונגען פון האדאנאשטשער „בקור חולים", באלוטער „לינת הצדק" און „משמורת החולים", כדי וועגען דער פראגע ענדגילטיג צו בעשליעסען.

איך אויף דער פערזאמלונג האבען זיך געפונען איינייגע פערזאנען, וועלכע זענען ארויסגעטראטען געגען דער פעראייניגונג. נאך לענגערע דעבאטען איז אָבער בעשלאָסען געוואָרען ענדגילטיג צו פעראייניגען די צדקה-חברות.

לעבהאפטע דעבאטען רופט ארויס די פראגע וועגען נאָמען און דעם אוסטאוו פון פעראיין.

צוליעב דעם וואס די פערזאמעלטע קאָנען די פראגען נישט ענטשיידען, ווערט בעשלאָסען צו וועהלען א קאָמיסיע פון 12 פערזאָן, וועלכע זאל זיי אמשנעלסטען אויסארבייטען דעם אוסטאוו לויט'ן מוסטער פון די דריי פעראיינען און דערביי אויך צונעבען צו איהם, אז דער פעראיין זאל האָבען דאס רעכט צו פערשפרייטען אויך זיין טהעטיגקייט אין זובארדז א. ד. ג. (ג)

פון דער לייה און שפאר-קאסע „געגענזייטיגע הילף".

(ג) אויף דער ערשטער זיצונג פון ניי-געוועהלטען ראט און פערוואלטונג פון דער לייה און שפאר-קאסע „געגענזייטיגע הילף" (רזשנאָווסקא 7) זענען די אמטען צווישען די פערוואלטונגס-מיטגליעדער פערטיילט געוואָרען אויף פאלגענדען אופן: אלס פרעזעס ה' מאקס בלאצקער, וויצע-פרעזעס—ה' ד. מ. פריעדע, אלס פרעזעס פון ראט—ה' ז. קליין, און וויצע-פרעזעס ה' א. כ"ץ.

אויף דער זעלבער זיצונג איז אויך בעשלאָסען געוואָרען ארויסצוגעבען הלואות ביז 600 רובל, איינצופיהרען פאר די מיטגליעדער משעק-ביכלעך און אויך, אז די וואס וועלען ארייננעמען אלס מיטגליעדער זאָלען ניט דארפען איינצאהלען פאר א פאי, ווען זיי וועלען נעהמען אנ'הלואה וועלען זיי נאר דארפען איינצאהלען א רובל אויף אדמיניסטראציע-אויסגאבען.

די ערעפנונג פון דער פלאקאטען-אויסשטעלונג.

נעכטען ארום 12 א זייגער ביי טאג איז אין די זאלען פון „מוזעאום פאר קונסט און וויסענשאפט" (פעטריקאָוער 91) פארגעקומען די פייערליכע ערעפנונג פון דער פלאקאטען- און אפישען-אויסשטעלונג.

אויף דער אויסשטעלונג געפינען זיך איינייגע הונדערט פלאקאטען און אפישען, וועלכע זענען צוגעשיקט געוואָרען פון פערשיעדענע לענדער. די אויסגעשטעלטע זאכען זענען אויסגעפיהרט געוואָרען דורך די גרעסטע וועלט-רוי-קרייזען און געצייכענט דורך בעוואוסטע קינסטלער.

צווישען דער גרויסער צאהל אויסלענדישע פירמען האבען אויך אויסגעשטעלט זייערע אויסארבייטונגען איינייגע ווארשעווער קונסט-דרוקערייען און פון לאדז די פירמע יערושי יאראש.

די אין לאדז אויסגעפיהרטע קונסט-פלאקאטען געהערען צו די לאדזער קונסט-מאלער: האלמרעכט, בזשיביל-סקי, מאקס האנעמאן, פעטקעוויטש, ארטור שיק, יערושי יאראש און אנד. (ג)

דער פורים-פעסט פון „הזמיר".

די הכנות צום גראנדיעזען פורים-פעסט און קאסטיום-באל, וואס דער „הזמיר" ארדענט איין דעם 14 מערץ אין גרויסען קאנצערט-זאל ווערען געמאכט מיט פיעל ענערגיע. די דעקאראציעס ווערען געמאלט אין טאָן און סטיל פון מזרח-מאטיווען און דער גאנצער גרויסער זאל וועט פערוואנדעלט ווערען אין אן אָריענטאלישען באזאר.

דאס פראגראם וועט זיין זעהר רייך און פערשיעדענארטיג: כאר-און סאָליסטען-אויספיהרונג, ארקעסטער, באלעט א. אז. וו. די ריעזיגסטע אטראקציע פון קאסטיום-באל וועט זיין א מגילה-פאנטאמימע, צו וועלכער עס ווערען געמאכט אויסערגעוועהנליכע פארבערייטונגען.

צוליעב די ווערטפולע פרייזען ערווארטעט מען אויך זעהר אריגינעלע קאסטיומען.

צום דאטשע-סעזאָן.

(ג) אין צוזאמענהאנג מיט'ן דאטשע-סעזאָן, וועלכער הויבט זיך שוין אָן אין דער לאדזער אומגעגענד, האט דער קאָמיסאַר פאר פויערים-אנגעלעגענהייטען, ראפאלסקי, צושיקט א צירקולאר די בעצירקער פון די דאטשעס ארום לאדז, וואס געפינען זיך אויף פויערים-ערד, אז דאס יאהר וועט פאר קיין פאל יודען נישט ערלויבט זיין צו וואוינען אויף די אויבענדערמאהנטע דאטשעס.

די יודען וואס דינגען דאטשעס אויף פויערים-פעלד וועלט נישט געשאדט זיך א ביסעל פארזיכטיגער זיין און ניט געבען האנד-געלד אויף די וואוינונגען, ווייל עס קאן זיי גאנץ לייכט פערפאַלען ווערען צוליעב דער פעראָרדנונג פון פויערים-קאמיסאר.

פון „סקיא".

נעכטען זונטאג האט געזאלט פארקומען די אלגעמיינע יעהרליכע פערזאמלונג פון דעם פעראיין צו פערשפרייטען בילדונג „סק"א" צוליעב דעם אָבער, וואס עס איז נישט געקומען די געהעריגע צאהל מיטגליעדער איז די פערזאמלונג אָבגעלעגט געוואָרען אויף צוויי וואכען. צום צווייטען טערמין וועט זי שוין פארקומען ביי יעדער צאהל מיטגליעדער.

אינטערעסאנט איז צו בעמערקען, אז דאס מאל האבען די מיטגליעדער פון דער יודישער סעקציע ארויסגעוויזען א גרויסען אינטערעס צו דער פערזאמלונג און זענען געקומען אין א גרויסער צאהל, דאך האבען זיי נאך געפעהלט גענוג פערזאָנען פון דער יודישער סעקציע, ס'איז האפען, אז צו דער פערזאמלונג, וועלכע וועט פארקומען אין צוויי וואכען ארום וועלען קומען אלע מיטגליעדער און דאס וועט זיכער ברענגען א גרויסען נוצען דער יודישער סעקציע.

דערהייל בענוצען מיר זיך מיט דער געלעגענהייט צו פערעפענטליכען דעם טעטיגקייטס-בעריכט פון דער יודישער סעקציע פאר'ן יאהר 1913.

אין פערלויף פון פאריגען יאהר האבען ביידע ביבליאטעקען ארויסגעגעבען 54,597 ביכער, מיט 18,736 ביכער מעהר פון יאהר 1912, אין גאנצען איז אין ביידע ביבליאטעקען פאראהאן 8834 בענדער. לעזער איז אין ביידע ביבליאטעקען אין פאריגען יאהר געווען 2,547 (1869 מענער און 817 פרויען).

א נייער יודישער האנדווערקער-קלוב.

(ש) אין זאוויערטשע, האט זיך גע-עפענט אנ'אבטיילונג פון טשענסטאָכאווער יודישען האנדווערקער-קלוב.

די טעג איז שוין פארגעקומען די גרינדונגס-פערזאמלונג פון דער נייעגעגרינדעטער אינסטיטוציע און עס איז אויסגעוועהלט געוואָרען א פערוואלטונג און א רעוויזיאנס-קאמיסיע.

דער האנדווערקער-קלוב צעהלט שוין 90 מיטגליעדער.

צו דער אינסטיטוציע געהערען אן מעהרסטענטהייל די יודישע בעלי-מלאכות פון שטעדטעל, און איז זי שוין צוגעטרעטען צו איהר טהעטיגקייט.

פערמאכט אַן אַפּרעטור.

די פירמע מאקסימיליאן שיפער איז איינגעקומען מיט אנ'אָנקלאגע אין מאַגיסטראט, אַז פון דער אפרעטור אויף דלוגא 127 № ווערט דאס אונזייגע וואסער אָבגעלאזט אין די ריינשטאקען און די לופט ארום דער פאבריק ווערט פערדארבען.

אויפ'ן גרונד פון דער אנקלאגע האט א קאמיסיע מיט'ן שטאדט-פרעזידענט אן דער שפיץ בעזיכטיגט די פאבריק און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דאס אפרעטור-וואסער איז ווירקליך געפעהרליך. די קאמיסיע האט דעריבער די אפרעטור פערמאכט און פערבאָטען זי צו עפענען ביז ס'וועלען נישט איינגעפיהרט ווערען קיין פילטערס, וועלכע זאלען רייניגען דאס שמוציגע וואסער. (ג)

פערשיעדענעס.

(ג) ווי מיר ווערען געוואהר, איז אויף א פערוואלטונגס-זיצונג אין יודישען „דאבראטשינאסטש" בעשלאָסען געוואָרען די פראצענט פון די 20,000 רובל, וואס די פערשטארבענע לאה פאזנאנסקא ז"ל האט איבערגעלאזט, ערשט אויסצוצאהלען אין ערשטען יאהרצייט פון דער פערשטארבענער.

— (ג) ווי ס'הייסט זיך איצט ארויס, איז דעם „קאמי-וואיאזשארען-פעראיין" געבליעבען ריינער פערדיענסט פון זייער „טאנגא-מאסקען-באל" אנ'ערך 6000 רובל.

— (ג) נעכטען ביי טאג האבען 25 לוין-ווערבער פון דער פירמע י. קינד (הסכאגניא 66) פערשטרייקט, ארויסשטעלענדיג א פאָדערונג צום העכערען דעם לוין אויף 40 פראָצ.

— (ג) דעם 15 ד. מ. פייערט זיין זילבערנע חתונה דער היגער אנגעזעהענער בירגער און כלל-טוער ה' נערמאן נייטאן.

א נייע ווערק.

אין ניכען וועט אין נימלינ'ס פערלאג אין ווארשא ערשיינען א נייע ווערק פון שריפטשטעלער צבי כהן מיט'ן נאמען „פון טיעפען הארצען". דאס בוך ענטהאלט 20 זאכען, פאעמען, לעגענדען און מעשה'לעך, און עס ווערט ארויסגעגעבען מיט א שעהנע הילע, פערציהרונגען און ווינעטקעס.

פון „מלון אורחים".

קומענדיגען זונטאג, דעם 8 מערץ וועט אין איינענעם לאקאל (וואולטשאנסקא 21 №) פארקומען די אלגעמיינע יעהרליכע פערזאמלונג פון די מיטגליעדער פון פעראיין „מלון אורחים".

די פערוואלטונג פון פעראיין בעט אונז אויך מיטצוטיילען, אז די פעריאָגען וואס געהען ארום אינ'ם נאמען פון פעראיין קלייבען און מיט פושקעס, האבען צום פעראיין קיין שום שייכות נישט און מען בעט זיי קיין געלד פאר'ן פעראיין נישט צו געבען.

פערוויילונגען.

פון טעאטער „מיניאטור".

אין פרעהליכען און לוסטיגען „מיניאטור"-טעאטער (ציגעל נאם רוג פעטריקאווער) ווערען איצט אויסגעפיהרט איינייגע געלונגענע פארסען און אָפּערעטקעס. פון די שוישפילער האבען א גרויסען ערפאלג פרוי וויינער און אנדערע.

פון טעאטער „אאזא".

אין קינעמאטאגראף-טעאטער „אאזא" (רוג פעטריקאווער און גלובנא) ווערען איצט געוויזען איינייגע עפעקטפולע בילדער. אונטער אנדערע ווערען דעמאנסטרירט דאס הערליכע בילד „אטלאנטיק", דער עפעקטפולער פילם „נאט פינקערטאן" א. אז. וו.

טעאטער „מיראזש".

אין די זאלען פון גראנד-הויטעל עפענט זיך די טעג א ניי קינעמאטאגראפען-טעאטער אונטער'ן נאמען „מיראזש". אין נייעם טעאטער וועלען דעמאנסטרירט ווערען די נייעסטע פילם-ווערק.

פון האנדווערקער-קלוב.

שבת אין אָווענד האט ד"ר י. נאָטליעב געהאלטען אין האנדווערקער-קלוב אנ'אינטערעסאנטען רעפעראט איבער דער שמר-בעוועגונג. דער רעפעראט האט געהאט גרויס ערפאלג ביים פובליקום. נאכ'ן רעפעראט זענען פארגעקומען דיבאטען, אין וועלכע עס האבען זיך בעטייליגט: ד"ר קליאטשקין, דראזדאווסקי און אנדערע.

קאמי-וואיאזשארען-פעראיין.

(ג) ווי מיר האבען שוין נעכטען קורץ מיטגעטיילט, איז פארגעסטערן אין אָווענד אין איינענעם לאקאל (מיקאלאיעווסקא 3/5) אונטער'ן פארזיץ פון ה' בארונסקי פארגעקומען א פאר-וואהל-פערזאמלונג פון די מיטגליעדער. די פערזאמעלטע האבען אין פערלויף פון 6 שעה ארומגערעדט פערשיעדענע פעראיינס-פראגען, וועלכע וועלען שטעהן אויף דער טאגעס-ארדנונג פון דער גענעראל-פערזאמלונג.

א באנדיטען-אָנפאַל אין ראַפּשער רבי'ס הויף.

וועגען א דרייסטען באנדיטען-אָנפאַל, וואס ס'איז שבת צונאכט פארגעקומען אין ראפשער רבי'ס הויף, טיילט מען אונז מיט פאלגענדע איינצעלהייטען:

ארום 12 א זייגער ביינאכט האט פלוצלונג עמיצער אָנגעקלאפט אין פענסטער פון רבינ'ס טאָכטער'ס שטוב. מען האט דאס פענסטער נישט גע-עפענט, באלד דערויף האט מען דערהערט א קלאפעריי אין פענסטער פון רבי'ס זוהן ר' ישראל. ווען מען האט דאס פענסטער נישט געעפענט האט מען עס אויפגעריסען פון דרויסען און ס'האבען זיך ארייַנגעכאפט דריי פערמאסקירטע באנדיטען.

בעפעהלענדיג נישט צו מאכען קיין גערויש, האבען די באנדיטען געפאָדערט פון רבי'ס זוהן, אז ער זאל זיי אָבגעבען דאס געלד, וואס דער רבי האט מיט זיך געבראכט פון דער רייזע, ר' ישראל האט זיי געענטפערט, אז דער רבי האט קיין שום געלד נישט געבראכט. זיי האבען איהם אנגעהויבען סטראשען צו דערשיסען. דעם רבי'ס זוהן האט זיך דערשראָקען און זיי אָבגעגעבען די שליסלען פון דער אייזערנער קאסע. די באנדיטען האבען גענומען די שליסלען און אויפעפענדיג די קאסע, אין איהר געפונען נישט מעהר ווי 11 רובל, וואס זיי האבען צוגענומען און געפאָדערט נאך געלד. זיי האָבען דאן גענומען ארומגעהן פון איין שטוב אין די צווייטע, אויפגעריסען אלע שענק און שופלאדען, נאר ערגיץ האָבען זיי אָבער קיין געלד נישט געפונען. פאר אויפרעגונג האבען די באנדיטען צוברעכען אלץ, וואס זיי איז געפאלען אונטער דער האנד.

אין הויף איז דערביי אויסגעבראכען א שרעקליכער טומעל און פיעל פון די פרויען, וואס ס'האבען זיך געפונען זיינען געפאלען אין חלשות.

נאך צוויי שעה „ארבייט" האבען די באנדיטען דעם הויף פערלאזען אויסשיסענדיג איינייגע מאל אין דער לופט.

א דאנק דער אבגעזונדערטקייט פון דער שטוב, אין וועלכען דער רבי מיט א גרעסערע גרופע חסידים זענען געזעסען, זענען די באנדיטען צו זיי נישט ארייַן. (ג)

* * *

(ש) א לענגערע צייט נאכ'ן אָנפאל האבען די פערזאָנען, וועלכע האבען זיך געפונען אין די שטובען נישט געקאנט קומען צו זיך און געווען ווי צוגעשמיעדט צו זייערע ערטער, מורא האבענדיג א ווארט זיך אנצורופען.

ערשט פאר טאג איז דער עולם א ביסעל צו זיך געקומען און מען האט זיך ערשט ארומגעזעהען וואו מען האלט.

קיינעם פון די מקורבים און שטובינגע האט נים געשאדט נאר פאר שרעק זענען איינייגע קראנק געוואָרען.

כאראקטעריסטיש איז דער פאקט, וואס די באנדיטען האבען גענוי געוואוסט, אז דער רבי האט געבראכט מיט זיך געלד און ערשט געהאט צוריקגעקעהרט פון זיין רייזע.

און פאקטיש איז דער רבי ערשט דאנערשטאג ביינאכט צוריקגעקעהרט פון זיין רייזע איבער פוילען און פון א יאהר-צייט פון ווארשוי.

ווי עס ווייזט זיך ארויס, האבען אין אָנפאל אנטייל גענומען העכער 15 באנדיטען, ווייל אלע טויערען, פארקאנטען און טהירען אין „הויף" זענען בעוואכט געוועזען, דער גאנצער אָנפאל איז געוואָרען מיט א געוויסען פלאן אויסגעפיהרט.

שבת ביי טאג, איז קיין ראפשע אָנגעקומען צופאהרען דער פעטראקאָווער אויעזדנער נאטשאלניק, זעהר פיעל פאליציי און זשאנדארמען, וועלכע פיהרען אנ'ענערגישע אויספארשונג, אום די באנדיטען צו ענטדעקען.

דערווייל איז מען אויף די שפורען פון די באנדיטען נים געקומען.

אויף דער יודישער בעפעלקערונג פון דער אומגעגענד, האט דער אָנפאל אויף דעם רבינ'ס הויף, געמאכט א שווערען איינדרוק.

די גענעראל-פערזאמלונג פון „לינת הצדק".

(ג) נעכטען אין אָווענד איז אין וויקטאריא-זאל (דלוגא 45) אונטער'ן פאָרזיץ פון ה' ז. זילבערשטיין פארגעקומען די יעהרליכע גענעראל-פערזאמלונג פון „לינת הצדק". די פערזאמלונג איז אריבער זעהר שטורמיש.

נאך לעבהאפטע דעבאטען איז בעשטעטיגט געוואָרען דער טהעטיגקייטס און קאסע-בעריכט, און דער בודזשעט אויפ'ן היינטיגען יאהר אין דער סומע פון 18070 רובל.

די רעזולטאטען פון די וואהלען זענען פאלגענדע: אין דער פערוואלטונג זענען צוגעוועהלט געוואָרען די ה"ה מ. פיאלער, מ. ל. זאלמאנאָוויטש, י. ש. אלפערן, ל. וואירזיבלאָווסקי, אלעקסאנדער טשאטאנסקי און ל. פינקוס. אלס קאנדידאטען אין פערוואלטונג די ה"ה ב. צאלעל, ע. ג. גרינבאום און י. ווײלאנער. אין רעוויזיאנס-קאמיסיע זענען אריין די ה"ה י. נאלדבערג, מ. ראזענטאל און ח. מ. רומקאווסקי אלס קאנדידאטען די ה"ה נ. כריבניק און ס. פרושאווסקי.

אויספיהרליכער—מארגען.

פערבאטענע פערזאמלונגען.

(ג) נעכטען ביי טאג האט אין באנד זייד-ארבייטער פעראיין (נאווראט 20) געזאלט פארקומען דער צוזאמענפאהר פון די דעלעגאטען פון די פראווינציאנעלע אבטיילונגען פון „טעקסטיל-ארבייטער פעראיין אין פעטראקאווער גובערניע". צוליעב דעם וואס עס איז נים געווען קיין ערלויבניש האט די פאליציי דעם צוזאמענפאהר פערבאטען.

דאס זעלבע איז אויך געשעהן מיט דער יעהרליכער פערזאמלונג פון פראפעסיאנעלען פעראיין פון די ארבייטער און ארבייטערינען אין דער „טעקסטיל-אינדוסטריע" פון דראוואנסקא 9. צוליעב דער אויבענדערמאהנטער סיבה האט די פאליציי די פערזאמלונג פערוועהרט.

א פראצעס וועגען „ביילים-מאצאך".

די טעג איז ביים פריעדענסריכטער פון זעקסטען אוטשאסטאק אויף קארלא 26 פארגעקומען א פראצעס וועגען צוויי קרומטליכע שקצים, וועלכע זענען אנגעקלאגט געווארען דורך א געוויסען גליקסמאן, אז זיי זענען איהם אין גאס אנגעפאלען און בעשלאגען. אין געריכט האט זיך ארויסגעשטעלט, אז פעת די שקצים האבען אויף יודען אין גאס אנגעהויבען נאכצושרייען „ביירים" האט ער זיי אין שפאס געענטפערט „מאצאך", געפינענדיג זיך דערפון בעליידיגט זענען זיי אויף איהם אנגעפאלען און געשלאגען. דאס געריכט האט די „האנדעלסטאנד" קרומטען געשטראפט צו 7 טעג ארעסט יעדען.

די נעכטיגע פערזאמלונגען.

(ג) נעכטען אין אָווענד איז אין „האנדווערקער-קלוב" (וואוואדזקא 5), פארגעקומען די גרינדונגס-פערזאמלונג פון דער מאלער-מייסטער סעקציע ביי'ם קלוב.—אין איינענעם לאקאל (פראמענאדע 21) איז פארגעקומען די יעהרליכע פערזאמלונג פון די מיטגליעדער פון „חובבי שפת עבר". אויספיהרליכער מארגען.

פאַרפאַלען.

(ג) אויף קעלבאך-גאס 15 (באלוט) האט אין זיין וואוינונג מיט'ן צייל צו בעגעהען זעלבסט-מארד זיך אויפגעהאנגען אויף שטריק דער 40-יעהריגער ארבייטער ג. נ.

— (ג) אויף זאקאנטנא 21 האט דער 5-יעהריגער זוהן פון א רייזענדער לעוו ראזמאן שפילענדיג זיך מיט א שליסעלע עס אראבגעשלינגען און אנגעהויבען זיך צו ווערגען. א דאנק דער ענערגישע הילף פון פאגאטאוויץ-דאקטאר איז דאס געפאהר געלונגען צו בעזייטיגען.

די פּראָווינץ.

(פון אונזערע קארעספאנדענטען).

זגיערזש.

פארגעסטערן, שבת, אין אָווענד איז אין איהר איינגען לאקאל פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער היעגער יודישער שפאר-און לייה-קאסע. די פערזאמלונג האט גע-עפענט דער פארזיצענדער פון דער פערוואלטונג ה' ישכר שווארץ און אלס פארזיצענדער פון דער פערזאמלונג ווערט אויסגעקליבען ה' נ. ארער, וועלכער האט איינגעלאדען די ה"ה מ. גליקסמאן און א. מארגענשטערן אלס אסעסארען. פונ'ם בעריכט איז ארויסצוזעהען, אז די קאסע האט זיך אין פערלויף פון די פינף יאהר פון איהר עקזיסטענץ זעהר גוט ענטוויקעלט. די קאסע צעהלט יעצט 473 מיטגליעדער מיט א פאי-קאפיטאל פון 7941 רובל איינענע קאפיטאלען ד. ה. פערדיענסטען פון די פאריגע יאהרען—2460 רובל, דעפאזיטען געלדער געפינען זיך אין דער קעסע 26,214 רובל, אין פערלויף פון יאהר האט די קאסע ארויסגעגעבען 325 הלואות אויף די סומע פון 48388 רובל, דער ריינער פערדיענסט פון יאהר האט בעטראפען 920 רובל 95 קאפ. נאך קורצע דעבאטען ווערט דער בעריכט בעשטעטיגט און די פערזאמלונג בעשליעסט דעם פערדיענסט אויף פאלגענדער ווייזע צו פערטיילען: אויף רעזערוו-קאפיטאל 415 רובל 95 קאפ. אויף א פאנד פאר א איינגען הויז 377 רובל. גראטיפיקאציע די בעאמטע—115 רובל, צושרייבען צום יאהר 1914 18 רובל. נאכדעם ווי ס'איז פארגעלעזען געווארען דער בודזשעט אויף דאס יאהר 1914 אויף די סומע פון 1690 רובל מיט דעם רעכט אין פאל עס וועט נויטיג זיין פערגרעסערן ביז 10 פראָצענט, הויבען זיך אן לעבהאפטע דעבאטען. נאכדעם ווי די פערזאמלונג זאגט זיך ארויס איינשטימיג, אז מען דארף העכערן דעם געהאלט פון בוכהאלטער און ניעט איבער עס דער פערוואלטונג אויסצופיהרען, ווערט אנגענומען דער פארשלאג פון ה' מארגענשטערן צו פערלענגערן די צייט אויף ארויסצוגעבען הלואות בין צוויי יאהר, ארייַנצוטרעטען אין דער אלגעמיינער יודישער קאאפעראטיווער ארגאניזאציע פון רוסלאנד, און דער פארשלאג פון ה' ד"ר זאלצוואסער צו פערגרעסערן די הלואות ביז 600 רובל. די וואהלען האבען געגעבען פאלגענדע רעזולטאטען: אין פערוואלטונג די ה"ה ל. פאזנער, זאהן א. שלמיעל און ב. ניעקריטש. אין ראטה: ה' נ. מענדעלזאהן; אין די רעוויזיאנס-קאמיסיע די ה"ה ר. לונאטץ, כהן און יעסעלזאהן.

אָנגעקומענע סוחרים.

האָטעל „גראנד".

מאריאמפאל—יאנישעוו; גאלדבערג, גאספארסקי, ליווקס, מיקליאשעווסקי, קעמפנער, הירשבאנר, וועלינסקי און דוביגאווסקי—ווארשא, קראסנאפאלסקי—בערסאן; מאקאווסקי—לאחוויטש; פולטענהאלץ און היטע—מאסקווא; קאגאן—פעטערבורג; ניעמיראוויטש-דאנטשענקא—כארקאָוו; אלעקסיעיעף—סעוואסטאפאל; וויינגערטנער — זאוואָרקאָוו; שרייבער—משענסטאכאוו; זנוזמארט—ליוצין; העלדער—נאהאראדאסק; רובינשטיין, קאָולאָוסקי—ווארשא; האפמאן—קאליש; נוטמאן—בענדין.

האָטעל „פאלאסט".

סלאָווין—פאלאצק; פאנאנסקי—וולאצלאוועק; דיאקאָנסקי — ראדאם; געלבטרונק, אזאל און וויסמאן—ווארשא; גרעיעווסקי—ריגא; ליפסקי—אסמאן; קעלט, יאגוס, מילדער און אסיפענקא—רעוועל; יאפע—קאוונא; באקאלשוק און מאראָס—ווילנא; פינסקי—קיעוו; מענטשיצקי—קאנסק; פאראנסקי—קיעוו.

האָטעל „בריסטאל".

רובינער—באקו; אירזאעלים — ריעשטיצאן; פינקעלשטיין—באלטא; מישקאָווסקי—לאָמזשא; קאצענעלענבאגען — וויטעבסק; קאהן—ריגא; ניעפאטיאשטשי — משערניגאוו; גאגאונאק—מאסקווא; סאנדלער — פראסקוראוו; סערעברעניקאוו — האמעל; זילבערבערג—סמאָלענסק; פאגאדין — בערדיטשעוו; גראדסקי—ווארשא; בערשאדסקי—מעליטאפאָל; כאהן — טיקוטשין; גאלפענד—בערסאן; ליפשיץ—מעליטאפאל.

האָטעל „צענטראל".

ראזענבלום—באריסאוו; סאקאלינסקי און מינק—פאלאצק; הירבאום—טעשען; גראסמאן—גראניצא; רויזשאק—קרעמענטשוג; לעפלער—פולטאווא; רעדיק—קליוואו; מיסקאוויצער—שעדלעץ; ציזוין—ראסטאוו; בערמאן—מאבאלסקי; רעלטמאן—קרעמענטשוג.

רעדאקטאר: י. אונגער.
ארויסגעבער: (ע. האמבורסקי. (א. טענענבוים.

גרויסעס טהעאטער
דירעקציע י. זאנדבערג.
היינט מאנטאג: 20 פארשטעלונג פאר'ן האנדווערקער-קלוב
גאסטשפיעל פונ'ם גרויסען ענגלישען סטאר ר. דירעקטאר פונ'ם פאווילאן-טהעאטער
מר. מאררים וואקסמאן
ס'ווערט אויפגעפיהרט צום דריטען מאל דאס לעצטע מייסטערווערק פונ'ם בעוואוסטען יודישען דראמאטורג פרץ הירשביין דאס גרויסע פאלקס-שטיק
„די פוסטע קרעטשמע"
אין דעם פאלקס-שטיק „די פוסטע קרעטשמע" בעטייליגט זיך א חוץ אונזער ליעבען גאסט מר' מאררים וואקסמאן אונזער גאנצער בעוואוסטער אנסאמבל.
בעמערקונג: אין צווייטען אקט פון דעם אריגינעלען פאלקסשטיק „די פוסטע קרעטשמע" קומט פאר צום ערשטען מאל אויף דער יודישער ביהנע
אדאָרפישע חתונה
מיט אריגינעלע טענץ, אין וועלכע עס בעטייליגען זיך ביז 40 פערזאָן.
בילעטען פאר זעהר בילינע פרייזען בעקומט מען היינט ביז 5 א זייגער נאכמיטאג אין מאגאזין פון ה' ליקערמאן, רזשעלנא 2 און נאך 5 א זייגער נאכמיטאג נאר אין קאסע פון טעאטער.

אנאנס! א גאסט אין לאדז!
די בעקאנטע פרימאדאנע פון לעמבערגער טעאטער
מ. הענריקא אפאט
איז נאך לאדז געקומען און הויבט אן מיטוואך צו גאסטראלירען ביי אונז אין טעאטער.
מיטוואך ד. 4-טען מערץ 1-טער גאסטראָל אלס דינה'לע אין אנשל שאר'ס קאָמ. אפערעטע
א מענש זאל מען זיין
בילעטען ביי געוועהנליכע פרייזען בעקומט מען פון היינט אן אין דער קאסע.

מארגען דינסטאג
בענעפיס און עהרענאבענד
פונ'ם בעוואוסטען און בעליעבטען כאראקטער - שוישפילער
ה' אדאלף בערמאן
ס'ווערט געשפילט צום ערשטען מאל אין דעם סעזאן די גרויסע קאמישע אפערעטע
אייזיק קצב
מיט'ן בענעפיציאנטען אין דער הויפטראלע. אויסער דעם בענעפיציאנטען בעטייליגען זיך אין דער אפערעטע די בעסטע קרעפטע פון אונזער בעוואוסטען אנסאמבל.
בעמערקונג: די אפערעטע „אייזיק קצב" ווערט רעזשיסירט און איינסצענירט פון מ"ר „מאררים וואקסמאן" לויט מוזי-עטי-סצענע ד. ניו-יארקער טהעאטערן.
צום שלוס א גראנדיעזער דיווערטיסמענט
מיט אנטייל ה'ס מאלמאן, מיכאלעסקא, לעבעדיעוו און דער בענעפיציאנט.
דאס פראגראם פונ'ם דיווערטיסמענט ענטהאלט: די וויצפאסטענע סצענע פונ'ם 4-טען אקט פון ד. בעקאנטער קאמישער אמעריקאנער אפערעטע פון אנשעל שאר
„די אמעריקאנער"
אויסגעפיהרט פון ה' בוימאן און ד. בענעפיציאנט. ווי אויך א ריהע גאנץ נייע הומאריסטישע קופלעטען, וועלכע מיר האבען אויסמערקזאם אויף ד. אריגינעלען קאמישען מוזיק פון ה' זילבערט.
„איך מאנץ אזוי בערן מאמא" אויסגעפיהרט פון ה' לעבעדיעוו.
בעמערקונג: יעדער איינציגער, וועלכער קויפט בילעטען אויסער גאלעריע בעקומט גראטיס א פאטאגראפיע אין פערשיעדענע פאזען פונ'ם בענעפיציאנטען אלס אנדענקען.

טעאטער „סקאלא"
דירעקציע: י. אדלער, ה. סטראצקי.
דינסטאג, ה. (18) 3 מערץ ווערט פארקומען דער בענעפיס און עהרען-אבענד פון אונזער נע-שעצטען פיהרער ס. קופערינאוו (קופערמאן), וועלכער נארדינ'ס קרייצער סאנאטע
בילעטען שוין צו בעקומען.

די לעצטע 4 פאר-שטעלונגען פאר פסח.
היינט מאנטאג מיט אנטייל פר. עמיליע אדלער, די בעוואוסטע דראמא פון יעקב גארדין
די וואהרע קראפט
אין 4 אקטען (רעזשיסירט דורך יוליוס אדלער.

טעאטער „סקאלא" 16 צעגעלניאנא 16
פורים דעם 2|27 פעבורואר אום 3 אוהר נאכמיטאג וועט פארקומען א גראנדיעזער פורים
העברעאישער פורים-אווענד פאר קינדער און ערוואקסענע
מיט זעהר אנ'אינהאלט'ס-רייכען פראגראם וועלכע בעשטעהט פון פאלגענדע 4 גרויסע אבטיילונגען:
די ערשטע 2 טיילען פונ'ם פראגראם וועלען איסגעפיהרט ווערען דורך די קינדער און שילער פון דעם ערשטען העבראישען „גן ילדים" (פרעבעל-שולע) פון ש. ק. פיינשטיין מיט זייער בעסטען רעפערטואר ווי צום ביישפיעל: זמר לפורים, שלום עליכם יהודי, שלשה אבות, חוקאלי, שירת הרועה, הסנאי בחרף, על ההרים ביהודה און נאך פיעל אנדערע.
3) פערשידענע העברעאישע דעקלאמאציאנס נומערן ווי אויך א נייע פורים-קאמעדיע אין איין אקט מיט'ן נאמען „אחשורוש" פון י. ק.
4) אם ענדע וועט פארגעשטעלט ווערען צום ערשטען מאל די בעוואוסטע דראמאטישע פאעמא „ראשונים" פון יצחק קאצענעלזאהן.
אנמערקונג: בילעטען איז צו בעקומען טעגליך אין ביכער-געשעפט פון ח' מיטלער פעטריקויער שטר. № 46 און אין טאג פון פארשטעלונג אין קאסא פון טעאטער „סקאלא" פון 10 איהר פריה ביז ענדע פארשטעלונג.

לאזט אייך נישט נעארען! ווייל מ'מאכט נאך ערהנליכע.
קויפט נור ענגליש-פאטענטירטע גומי-אבזאצען
„DERMATINE"
וואס זענען איבעראל בעקאנט אלס די בעסטע און דויערהאפטסטע אין דער וועלט. געדענקט! אין קויפט „דערמאטינע" און מ'גיט אייך פעלשונגען, גיט דעריבער אכטונג אויף דעם נאמען „דערמאטינע" און אויף די שוטץ-מארקע א קאץ און א הונד'ס קאפ וואס געפינט זיך אויף יעדע גומקע אויף דער אנדערער זייט פון אונזער שטעמפעל. אנגרא-פערקויף: אין לאדז: ח. מענדראווסקי, פארושעטשנא № 15.
אליינפערטרעטער: פ. ריינער. ווארשא, סלושעווסקא 4, טעלעפ. 87-51. 5168 4

צירק „קאליזעי" טארגאווי רינעק.
היינט מאנטאג
גרויסע פארשטעלונג
●● גרויסער דאמען-רינג-קאמפף ●●
היינט קעמפפען 3 פאר: 1) בראדסקא—סימבאל. 2) גיראלדי—ראזענבערג II. 3) קאזאג—אנדערסאן.
אויך נעהמט אנטהייל דער גאנצער צירק-פערסאנאל.
אדמיניסטראטאר מישעל.

נור אין טעאטער
„אפטיק-פאריזיען"
פיעטריקויער 15
היינט מאנטאג ווירד געוויזען צום לעצטען מאל
די 5-טע סעריע
זיגאמאר
דער קעניג פון די גנבים
א דעטעקטיוו-דראמא מיט שפאנענדע מאמענטען אין 5 גרויסע טיילען.

54 | ביליגער ווי איבעראל | 54
I. Futerman, Lodz
№ 54 Petrikauer-Str. Telefon 24-50. № 54
עמפפעהלט דעם געעהרטען פובליקום צו די בעפאר-שטעהענדע פייערטאגע איין זעהר רייכען אויסוואהל פון פערשידענע: 5192
דיוואנעס, לויפער, טיש צו בעטדעקען, פארטיערען, מעבעל-שטאפען, גארדינען, קאנטאניערען, שמארען, האלב-שטארען און טולדעקען.
טעפעך און זיידע, פליוש, וואללע-, לינאלעאום, צערעטע, יוטע און קאקאס.
אינלענדישע ווי אויך אויסלענדישע פאבריקאציאן.
הויפט-פערקויף פון פליוש-דעקען דער פירמא
טעאדאר פינסטער
גרויסעס לאגער פון ראלעטען און מעססינג-שטאנגען, עקסטרא ליכט: מאטעריאלען פיר טאפעצירער און וואטער.
פערקויף ענגרא עט דעטייל צו געוויסע פאבריקס-פרייזען.
י. פוטערמאן, לאדז,
פעטריקויער 54, טעלעפאן 24-50.
שפארט געלד ריעלע בעדינונג.
54 | געדענקט די אדרעס און דעם נומער פון הויז. | 54

היינט
קענען שוין די לעזער פון „לאדזער טאגעבלאט", וועלכע שטעלען צו 10 קופאנס, בעקומען דעם
4-טען באנד פון דער
יודישער געשיכטע
פון פראפעסאר גרעץ,
וועלכע מיר גיבען אונזערע לעזער יעדע 2 וואכען אלס שפאט ביליגע פרעמיע צו 20 קאפ. פאר א באנד. דער באנד ענטהאלט פאלגענדע אינהאלט:

1) יודען אין די ארומיגע לענדער
2) די יודישע קאלאניען אין חוץ-לארץ.
3) דאס לעבען פון די יודען אין עגיפטען.
4) דער יודישער כהן גדול פון עגיפטען חוניו.
5) חוניו בויעט אין עגיפטען א קליינעם בית-המקדש פאר יודען.
6) די יודען אין אלכסאנדריה של מצרים.
7) די אלעקסאנדרישער יודישע געלעהרטע און קינסטלער.
8) די געשיכטע מיט די הילדע עלעפאנטען.
9) אנשטאט ארויסגעלייזען אין המון יודען האבען די עלעפאנטען צוטראטען די יודענס שונאים
10) די אלעקסאנדריניעשע יודישע ליטעראטור.
11) די יודישע קאלאניע אין רוים.
12) דער בונט פון אריסטאבולס זוהן אלעקסאנדער.
13) די מעשים פון דעם רוימישען בעאמטען גאביניוס.
14) אריסטאבולס אנטלויפען פון דער רוימישער געפאנגענשאפט.
15) דער גרויסער יודישער אויפשטאנד געגען די רוימער.
16) די 3 רוימישע פיהרער יוליוס צעזאר, פאמפעאוס און קראססוס.
17) די פערגיפטונג פונ'ם יודישען געפאנגענעם קעניג אריסטאבול.
18) די ראלע פון די יודען אינ'ם „צעזאר-פאמפעאוס קריעג".
19) דער אדום'יער אנטיפאטער און זיינע „פראקטישע שפיצלעך" געגען יודען.
20) אנטיפאטער ווערט בעשטימט דורך צעזאר'ן אלס גובערנאטאר פון יהודה.
21) יוליוס צעזאר'ס גוטע בעציהונגען צו יודען.
22) צעזארס מלחמות און טויט.
23) אנטיפאטער אלס פיהרער פון יהודה.
24) אנטיפאטער מאכט זיינע זיהן פאזאעל און הורדוס אלס אפוטרופסים פון יהודה און גליל.
25) הורדוס'עס שענדליכע פערברעכענס געגען די יודישע פאטריאטען.
26) הורדוס פאר'ן סנהדרישען געריכט.
27) די שוואכקייט און נאכלעסיגקייט פון הורקנוס פון דעם חשמונאישען הערשער.
28) די שנאה פון יודען צו די אדום'שע פיהרער.
29) הורקנוס לאזט פערגיפטען אנטיפאטער'ן.
30) דער אדום'ער הורדוס האט חתונה מיט הורקנוס אייניקעל, די שעהנע מרים.
31) די רעפובליקום פון רוים און איהר בעציהונג צו יודען.
32) די גוואלדיגע מלחמה צווישען דעם לעצטען חשמונאישען קעניג אנטיגאן און הורדוס'ן.
33) דער אינטערעסאנטער מאמענט ווי אנטיגאן ואטפערט צונויף א מחנה יודען עולה-רגל'ניקעס, בעלאגערט אן שבועות ירושלים, פעריאגט הורדוס'ן און לאזט אבשניידען „דעם אלטען הורקנוס'ן די אויערן כדי צו פסל'ן איהם אלס בעל מום פון דער כהונה" און לאזט זיך פראקלאמירען אלס יודישער קעניג.
34) הורדוס'עס גרויזאמע נקמה אן די יודישע פאטריאטען, די ערמארדונג פון לעצטען חשמונאישען קעניג אנטיגאן.
35) די חשמונאים טאכטער אלעקסאנדרא און איהר דיפלאמאטיע געגען הורדוס'ן
36) די עגיפטישע קעניגין קלעאפאטרא און איהר בעציהונגען צו די רוימישע הערשער.
37) הורדוס לאזט טויטען זיין פרוי, שווינער און שוואגער וועלכע שטאמען פון די חשמונאים
38) ארץ-ישראל אונטער די הערשאפט פון הורדוס'ן.
39) די שנאה פון יודען צו זייער הערשער הורדוס.
40) כדי צו פערגלעטען זיינע מערדערישע מעשים שענקט הורדוס דעם פאלק דעם יעהרליכען שטייער און לאזט צוריק אויפבויען דעם בית המקדש.
41) די קונסט-ארבייט פונ'ם וואונדערפאלען בית המקדש.
42) הורדוס אלס „פאליגאמיסט" (פיעל-חתונהער).
43) די אינטריגעס און פאלשקייטען ארום הורדוס הויף
44) הורדוס לאזט טויטען זיינע אייגענע זיהן וועלכע מרים האט איהם געבוירען.
45) הורדוס'עס שרעקליכע מעשים און טויט.
46) ארכעלאוס אלס נאכפאלגער פון הורדוס
47) ארכעלאוס שרעקליכע מעשים געגען יודען.
48) דער אויפשטאנד און אנארכיע אין לאנד.
49) די ארײנמישונג פון די רוימער.
50) דער רוימישער פיהרער סאביניוס מאכט אן חורבות אין ירושלים און אין בית המקדש.
51) יהודה ווערט א פאלשטענדיגע רוימישע פראווינץ
52) די רוימישע פראקוראטארען אין ארץ-ישראל.
53) די יודישע מעקטע צו קעמפפען געגען רוים די „קנאים".
54) דער מערדערישער רוימישער פראקוראטאר פאנטאס פילאטוס.
55) די ראלע פון די ערשטע תנאים.
56) דאס לעבען און ווירקען פון שמעיה, אבטליון הלל און שמאי.
57) דאס לעבען פון די יודען אין בבל.
58) די ענטשטעהונג פון „קריסטענטום".
59) יוחנן המטבל און זיין ראלע.
60) ישוע הנוצרי און זיין לעבענס-ארט.
61) די נײ-ענטשטאנענע איגטריגעס דורכ'ן קריסטענטום.
62) ישוע הנוצרי אין געפאנגענשאפט.
63) ישוע הנוצרי פאר'ן רוימישען געריכט.
64) דער טויט-אורטייל אויף ישוען און דאס קרייציגען איהם
65) די ראלע פון די סנהדרין.
66) דער יודישער היסטאריקער יוסיפון
67) ישוע הנוצרים נאכפאלגער „אפאסטעלען".
68) דער רוימישער קעניג קאיוס קאליגולא.
69) קאליגולא מאכט דעם חשמונאי אגריפס פאר קעניג פון יהודה.
70) די יודען-פיינדליכע דעמאנסטראציעס אין אלעקסאנדריע.
71) דער גרויסער יודישער פאגראם אין עגיפטען.
72) קאליגולאס בעפעהל ארייצושטעלען זיין בילד אין יודישען טעמפעל.
73) די פערצווייפלונג פון די יודען.
74) קאליגולאס פערבאט צו היטען שבת.

דער באנד, וועלכער האט 160 דרוק-זייטען קאסט פיר אונזערע לעזער
נור 20 קאפ.
אדמיניסטראציע „לאדזער טאגעבלאט"

אינקאסענטען קענען זיך מעלדען אין דער ביורא פון „תלמוד-תורה" של הרב ז"ל פיעטריקויער 64 פון 7 ביז 9 אווענד. 4579

ערען-שניידער-געזעלען און אקרימעט-געזעלען ווערען אויך האנד-ניייערס געזוכט צעגעלניאנא 65, פראנט 3-טען שטאק ביי מעליצקי. 1584

וויכטיג ניעס!!
אין מיינעם בעוואוסטען מעהל עט קאלאניאל-געשעפט, שרעדניא № 2 בעקומט מען צוקער № 1 צו 12½ קאפ. פער פונט, לעשמערוזשער 13 קאפ. נעהאקטען 13½ קאפ. פארין-צוקער 11½ קאפ. איינגעזעצטע נעהאקטען צוקער (Ręczny) 14 קאפ. 4/0 ווייצענמעהל דאס בעסטע 5½ קאפ. ווי אויך בעקומט מען טעגליך פרישע געמאלענע קאפפע ½ פונט 14 קאפ.
דרוקער, שרעדניא 2.
בעמערקונג: ביי ספראכיווקעס פון 4 רובל אן ווערט אבגעשיקט נאך הויז. 4439

היילאנשטאלט
פיר
אויגענקראנקע
מיט שטענדיגע בעטען פאן
Dr. B. DONCHIN
פעטריקויער 69, טעל. 28-39.
שפרעכשטונדען אין אמבולאטאריום פון 10—12 און פון 4—7 נאכמיטאג. עמפפאנג פון קראנקע פיר אפערירען אויך שטענדיגע בעטען. פיר ארמע יעדען מאנטאג פון 9—10 אומזיסט. 401 187

דר. ל. פריבולסקי
פאלודניאווא 2. טעל. 18-59.
ספעציאל-ארצט פיר הויט, וועגעריש אונד האאר-קראנקהייטען עט מענער-שוואכע אויף קאסמעטישע פעלענע. בעהאנדלונג נאך עהרליך האטא 914-606 בערופס שטערונג.
היילונג מיט עלעקטרי: ציטעט אונד וויבראציאנס-מאסאזש. שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד 4—8 פיר דאמען 5—6.

Dr. Trachtenherz
זאוואדזקא 6.
טעל. 84-76.
געוו. אסיסטענט דער פעטערסבורגער ספעציעלען שטאדט שפיטעל. ספעציאל-ארצט פיר סיפיליס הויט און וועגעריש קראנקהייטען אונד מענערשוואכע. בעהאנדלונג נאך עהרליך האטא 606 914 היילונג מיט עלעקטריציטעט. שפרעכשטונדען פון 8—2 און 5—8 דאמען פון 4 ביז 5. בעזונדערע ווארטע-צימער. 1446

פון אויסלאנד צוריקגעקעהרט
דר. לעווקאוויטש
הויט וועגעריש בלאזען-לעדען אונד געשלעכט-שוואכע. ביי סיפיליס 914—606 טריפער היילונג אהן שפריצען. (לויט א נייעם מעטהאדע) קאנסטאנטינער שטר. 12 שפרעכשטונדען פון 9—1 אונד פון 5—6. דאמען פון 5—6.

Dr. A. Grosglik
רענטגען און ליכט-הייל-אינסטיטוט
זאכאדניא 68 טעל. 16-85.
הויט, חשער, וועגעריש און האארקראנקהייטען. בלוט-אונטערזוכונג ביי סיפיליס. בעהאנדלונג מיט רענטגענשטראהלען, ליכט און העכפרעקווענץ (ארסאנוואל) שפרעכשטונדען פון 11½-8½ און 6—8. פיר דאמען 5—6.

אדוואקאט
נ. ווינבערג
77 דלוגא 77
שפרעך, 8—11 פריה און 2—10 אבענד. 5006
א. א. אויך מיליטערזאכען און אלער ארט שתדלנות און אלע רעגירונגס-אנשטאלטען.



קאפשמערצען, מיגרענע
רעומאטיזם און ארטעריאזם ווערען גרינדליך בעזייטיגט
„מיגרענא-נערוואזין"—"Migreno-nervosin".
צו בעקומען אין אלע אפטייקען און אפטייק-מאגאזינען, א פראבעפעק 10 קאפ. דער ערשטע נעבראויכען: ארויסשיקען דעם פראבעפעק אויף דער צונג און נאכטרינקען וואסער מיט צוקער.
אריגינעלער „מיגרענא-נערוואזין" איז איינציג מיט דער מארקע א „האן" "Kogut". אבער קיינמאל ניט און אין אפלאטקעס. 5166 5

Dr. P. Grossman
דר. פ. גראסמאן
אינערע און קינדער - קראנקהייטען
פעטריקויער 15. טעל. 21-88.
שפרעכשט. 9—10 פריה און 7—5 נאכם 2144

Dr. med. Leyberg
קרוטקא 5 טעל. 26-50
ספעציאליסט פיר הויט, וועגעריש און געשלעכטס - קראנקהייטען. עמפפאנגט פון 10—1 און פון 5—8 נאכמיטאג. פרויען פון 5—6. (פיר פרויען א בעזונדער ווארטע-צימער). 5050

ד"ר זילבערשטראם
Dr. J. Silberstrom
אמבולאטאריום פון רויטען-קרייץ
12 זאוואדזקא 12
הויט געשלעכטס אונד וועגעריש קראנקהייטען. בעהאנדלונג מיט עהרליך-האטא (914—606) ערצטליכע קאסמעטיק. (ענטפערונג לעקטשינער הארע, פלעקען א. ז. וו.) 12—2½ 5—8 זאנטאגס 11—4

געלד פערדיענען
קענען אינטעליגענטע יונגע-לייט, וועלכע ווערדען אין אגענטען-און-רעקלאמע געשעפט ערנסט ארבייטען. זיך מעלדען פון 3 ביז 9 זאוואלשטשאנסקא 2 וואהנונג 6 אבענדס Schulkes. 4576

א מעדכען צו בעשטעלטע וועש ווערט געבראויכט קאמיענא 18 ה. 27. 4583

איין פאסטען
פאר וואכט קען בעקומען א יונגערמאן אינטעליגענטען וועלכער די פוילנישע שפראך קענט ווי אויך די קריסטליכע קאנדיצא. אונד אין די מאסקווער מאנופאקטור-בראנזשע בעקאנט איזט. אפערטען מיט בעצאלטעם אונד ביז יעצטיגע אין די רעדאקציע ד. ב. אונטער „מאסקווע" צו איבערלאסען. 4580

פערליערט נישט אומזאנסט אייער געלד!
אויב איהר האט א פאלים וואס איהר קומט צו צאהלען דאן בעקומט איהר זאפארט אויסגעצאהלט. פעטריקאווער № 50, וואהנונג 17, פון 9—2, 7—10. 4582

שניידער-געזעלען
צו קינדער-אקרימטעס פיר מעדלען אדער קנאבען ווי אויך טילמינג האנדנייערס ווערען זאפארט געברויכט ביי ב. יאקובאוויטש, שרעדניא 3. 4571 1

בערלין
פענסיאן בראאונער
כשר
131/B פרידריכשטראססע
עם באהנהאף פרידריכשטראססע. 5183

א מעכאנישע וועבעריי
אין פאביאניץ בעשט. אויס 28 שטוהל, פון 50 ביז 54 צאל ברייט מיט א לאקאמאביל פון 28 פפערדע-קראפט, עלעקטרישע בעלייכטונג, דאמפף-בעהייצונג, א 2-שטאקיגע געביידע וועלכע געחמט ארטען 70 שטוהל, ווי אויך א וואוין-הויז אין הויף און א גרויסער פלאץ איז צום פערקויפען. נויטיג 15000 ר' באר. די פאבריק איז אין גאנג. עס קענען אויך פערקויפט ווערען עינצעלנע שטוהל. אדרעס צו ערפאהרען אין אדמיניסטראציע פון „לאדז. טאג.". 3 2 4555

וויכטיג פיר מוזיק-שילער.
מאכע מיינען שילערן וויסען: דען ווערטען אינטערעסענטען בעקאנט, דאס איך דען קלאוויער-אונטעררייכט פון חזנט און ווידער פערזענליך לייטע. האכאכטונגסוואל
H. Segal, Dip. Klawierlehrer,
Benedykta 14. 4575 3 1

צאהנטעכניקער צו באלאנען ווערדען געזוכט ביי הערשענבוים זגערשקא 15. 4578

צאהנערצטליכער קאבינעט
Dr. Med. 5182 5
Zacharow
(געוו. פערוואלטער און לעקטאר פון א צאהנערצטליכע שוהלע)
ספעציאליטעט: מונד-חירורגיע צאהן-קראנקהייטען און קינסטליכע צייהנע.
פעטריקויער שטר. 79.
עמפפאנגט פון 9½—2 און פון 4—8.

זעקע נייע יוטענע 22×46 צו זאלץ, ליעפערט ביליג
Адольфъ Конецпольскій,
4490 Ченстоховъ. 44

Хаимъ Янкель Шухгендлеръ
потерялъ свой паспортъ, выдан. гм. Каміонка, Либартовск. уѣзда Люблин. губ. Отдать въ полицію.
3 3 4515

Утерянъ вексель на сумму 12 р. выстав. на имя Шмуля Фришеръ, ордра Берилъ Фришеръ и Ицхокъ Вольманъ. Ср. плат. 1-го мая н. ст. с. г. Уанается недѣйствительнымъ. Наш. просятъ отдать М. Вильбербергу Огродовая (Валюты) № 15. 4554

א פארטער לאקאל
פער זאפארט צו פערמיעטען פעטריקויער שטר. 38 A צו ערפאהרען דארטוועלבסט ביים פערוואלטער. 3 10

אויסבעסערינען 4453
צו שפיללי שטיקערייי ווערדען געזוכט ביי ל. וועלעמסקי עם קאמס. פאנסקא 8. 33

די ערשטע
היילאנשטאלט-
אמבולאטאריום
פיר קאמענדע קראנקע.
פעטריקויער 45 טעלעפאן 30-18
דר. י. שווארצוואסער, אינערליכע און נערוועזע פון 10—11 אונד 4½—5½.
דר. ל. פריבולסקי, הויט אונד וועגערישע קראנקהייטען מאנט. דיענסט, דאנערשט. אונד פרייטאג פון 1½—2½. מאנטאג, מיטוואך און שבת פון 8—9.
דר. י. ליפשיץ, קינדער-קראנקהייטען פון 1—2.
דר. מ. קאנטאר, חירורג-קראנקהייטען פון 2—3 און 7—8.
דר. מ. פאפיערני, פרויען-קראנקהייטען פון 3—4.
דר. ב. דאנכין, אויגען-קראנקהייטען יעדען טאג פון 9—10 פריה.
דר. ק. בלום, נאז, אוירען- אונד האלז-קראנקה. מאנט., דיענסט., מיטוו., דאנערשטאג, פון 1—2, פרייטאג, שבת, זונט. פון 9—10 פריה.
בלוט- און אורין-אנאליזען, עס ווערען אויך דארט פאקען געזעצט. פיר אונטערזוכונג בעצאהלט 50 קאפ.

Dr. D. Fried
ד"ר ד. פריעד
ספעציאל-ארצט פיר אינערע אונד קינדער-קראנקהייטען וואהנט יעצט ציעגעל-שטר. 45 הויז בארש. שפרעכשטונדען פון 9—11 פריה און פון 3—6 נאכמיטאג.
טעלעפאן 11-88.

Тип. М. Гамбурскій и Ко., Лодзь, Петр. 16.
Редакторъ: И. Угеръ. Издатели: Ѳ. Гамбурскій. А. Таненбаумъ.